לאָדזער טאַגעבלאַט

אנאנסען-פרייז: א שורה פעטיט אין טעקסט 1.20 ערשטע און דריטע זייט 60 ק. לעצטע זייט 30 קאפ., גראטולאציאנען פערלאבונגען און הכנסת-כלה-אנאנסען 1-ע זייט 1.50—לעצטע זייט 1 רובל. ניט אנגענומענע מאנוסקריפטען ווערען ניט צוריקגעשיקט. פאר'ן אינהאלט פון אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פעטריקויער 16, טעלעפאן 867.
פיליע אין ווארשוי:
ת. רייזנער, מוראנא 28, טעל. 117-68.

אבאנעמענט-פרייז: אין לאדז: א יאהר 8 רובל, א האלב יאהר 4 רובל, א פערטעל יאהר 2 רובל, א חודש 70 קאפ. אין אויסלאנד: א חודש 1 רובל 25 קאפ. איינצעלנע נומער קאסט 15 ק. אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע: Лодзь, Петроковская 16. אדרעס פאר דעפעשען: Лодзь, Тагеблатъ

27 יוני 10 יולי 1914. | פרייטאג ט"ז תמוז תרע"ד | זיבענטער יאהרגאנג

העלענענהאף.

זונטאג דען 19-טען יולי ווערט פארקומען צום נוצען צו פערגרעסערן די איינקינפטע פון דער אונטערשטיצונגס-און קראנקען-קאסען פון .אלמנות און יתומים ביים

קאמי-וואיאזשארען-פעראיין

א אויסערגעוועהנליכע גארטען-פערוויילונג—יום-טוב אין סעווילִיען

דער פארק וועט זיין פרעכטיג דעקארירט און אילומינירט. ס'וועט אנטהייל נעהמען איינינע ספארט-פעראיינען. א דורכגאנג פון גאנדאלארס אונטער די טענער פון א מאנדאלין-ארקעסטער. בלומען-קארסא פון ציקליסטען. שפאנישער באלעט מיט קאסטאנעטען און אויך פיעל אנדערע פערוויילונגען. בלומען-שלאכט, בלומען-קאנפעטי, א פערשיעדענארטיגע קינדער-פערוויילונג און פערטיילונג פון זיסינקייטען און פרעזענטען.

אקסען-קאמפף

מיט אנטהייל פון געהענדע און רייטענדע מארעאדארען און פיקאדארען איבער 800 פערזאן. נאך ניט אין לאדז געזעהן די טריבינעלע איינגאנג 60 קאפ., קינדער און שילער 30 קאפ., אויפ'ן ספארט-פלאץ איזט דער איינגאנג אומזאנסט. 6829

ענדערונגען אין דער אדמיניסטראציע אין פוילען

גוואלדיגע היצען אין פעטערבורג.

פעטערבורג (ספ.) פון א זיכערער קוועלע גיט מען איבער, אז נאר אין קורצען פערלאזט זיין שטעל דער געהילף פון ווארשויער גענעראל-גובערנאטאר דער גענעראל-לייטענאנט אוטהאף.

אויף דעם וויכטיגען אדמיניסטראציאנס-פאסטען וועט איצט בעשטימט ווערען איינער פון די אנפיהרער מיט די זשאנדארמעריע-אבטהיילונגען אדער מיט די פאליציאישע ענינים.

אלס קאנדידאטען אויף אוטהאפ'ס פאסטען ווערען ארויסגעשטעלט: דער נאטשאלניק פון דער פעטערבורגער זשאנדארמעריע-פערוואלטונג, גענעראל-מאיאר קליקאוו, דער נאטשאלניק פון דער פינלענדישער אייזענבאהן-זשאנדארמעריע, גענעראל-מאיאר פרייבערג און דער נאטשאלניק פון דער אייזענבאהן-זשאנדארמעריע, גענעראל-מאיאר סיראפיאטאוו.

די קאנדידאטור פון דעם לעצטען ווערט זעהר אונטערשטיצט אין די הויכע ספערען און דעריבער האט זי מעהר שאנסען אויף דעם פאסטען.

היצען אין פעטערבורג.

פעטערבורג (ספ.) די היץ האט היינט דערגרייכט ביז 40 גראד. ס'זענען נאטירט געווארען איינינע פארפאלען פון זונען-שלאג. לויט דער ידיעה פון אבסערוואטאריום זענען אזעלכע היצען אין פעטערבורג שוין ניט געוועזען 150 יאהר. די וועלדער ארום דער שטאדט ברענען.

א נייער דירעקטאר.

פעטערבורג (ספ.) פון זיכערע קוועלען מעלדעט מען, אז אלס דירעקטאר פון דעפארטאמענט איבער אלגעמיינע אנגעלעגענהייטען און אינער'ן מיניסטעריום וועט בעשטימט ווערען דער פראקוראר פון דער אדעסער געריכטס-פאלאטע מאלאוו.

אבקלאנגען פון סאראיעוואָ.

ווין (ספ.) אין די פאליטישע קרייזען גיט מען איבער, אז אויף דער נעכטיגער בעראטונג אין מיניסטעריום איז בעשלאסען געווארען נישט אויפצוהייבען קיין שום דיפלאמאטישע אקציע אין בעלגראד צוליעב דעם אטענטאט אין סאראיעוואָ. לויט'ן בעשלוס פון מיניסטעריום וועט די קאנסטיטוציע אין באסניען נישט אפגעשאפט ווערען, ס'וועט דאגעגען פערשטארקט ווערען די גרעניץ-וואך, כדי נישט צו דערלאזען ארייננפאהרען קיין באסניען גרויס-סערבישע אגיטאטארען.

דעמאנסטראציעס.

מינכען (ספ.) די פאריגע נאכט האבען דעמאנסטראנטען אראפגעריסען דעם סערבישען מלוכה-הערב פון דער געביידע, וואו ס'וואוינט דער סערבישער גענעראל-קאנסול. די סבה דערפון איז פאלגענדע:

צוליעב דעם, וואס די סערבישע סטודענטען האבען געלויבט דעם אטענטאט אין סאראיעוואָ, איז די בעפעלקערונג געווארען זעהר אויפגעבראכט און האט געמאכט א גראנדיעזע דעמאנסטראציע. דער סערבישער גענעראל-קאנסול אויספציער, וועלכער איז א עסטרייכישער בירגער, האט זיך צוליעב דעם איינגעגעבען אין דעמיסיע.

פאנקערסט ארעסטירט.

לאנדאן (פ.) די פארשטעהערין פון די סופראזשיסטקעס פאנקערסט איז וויעדער ארעסטירט געווארען.

צום שטרייק אין באקו.

באקו (פ.) דער גראדאנאטשאלניק האט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג, לויט וועלכער ס'איז פערבאטען נאך 8 א זייגער אין אוונט ארויסצוגעהן אויף דער גאס אין אינדוסטריע-ראיאן אהן א פאליציאישער ערלויבניש.

טאקיא (פ.) דאס מיליטער-געריכט האט פערמשפט צום טויט דעם קווארטיר-מייסטער פוראט, וועלכער האט אין יאהר 1912 געוואלט אויפרייסען דעם קרייסער „ניסינג".

דער היינטיגער נומער ענטהאלט 10 זייטען.
Въ сегодняшнемъ номерѣ 10 страницъ

נאך לאנגע שווערע ליידען איז נעכטען 3 א זייגער נאכמיטאג געשטארבען אין עלטער פון 78 יאהר, מיינע ליעבע פרוי, אונזער טייערע מוטער, שוויגערמוטער און גרויס-מוטער

נ"ע

טובה שרה אשת ר' משה **דזיאלאווסקא**

צו דער לויה, וועלכע וועט פארקומען היינט 12 א זייגער פארמיטאג פון טרויער-הויז זשעלאזנא 53 ווערען געבעטען פריינד, בעקאנטע און פערוואנדטע,

די טיעפבעטריבטע פאמיליע.

Pierwsze Wzajemne T-wo Ubezpieczeń na Życie

6821 Zarząd na Królestwo Polskie

Warszawa, Al. Jerozolimska 25

מאכט בעקאנט דעם געעהרטען פובליקום און איהרע אגענטען אונד אינקאסענטען, דאס פון 8-טען יולי ד. י. איז די הויפט-אבטהיילונג איבערגעטראגען אויף אלעיע יעראזאלימסקא 25 און אונזער עקרענגאוו: אינספעקטאר-ארגאניזאטאר אויף 10 גובערניעס פוילען האט גענאציעס אגענטען און עטקורענץ-קאנטארען איזט ה'

MAURYCY GOLDMAN, Warszawa, Złota 65.

טעלעפאן ביז 4 נאך מיטאג 16-36. פון 4 ביז 8 אוהר טעל. 297-36. מונדליך נעהמט איך אן יעדען טאג אין די הויפט-אבטהיילונג Al. Jerozolimskie 25

אויף לאדז און אומגעגענד איזט די אבטהיילונג: MAURYCY RYS, Łódź, Cegielniana 53

Sargs **KALODONT**

אונענטבעהרליכעס קרעם און עליקסיר צו די צייהן
ערהאלט די צייהן ווייס, ריין און געזונד.
פערלאנגט איבעראל.
5269 25 16

אטוואצק

סאנאטאריום פון ד"ר פשיבארא איינגעריכטעט מיט דעם גרעסטען קאמפארט אויף דעם אויסלענדישען ארט. 3 פאוויליאנען. 1 פאוויליאן ספעציעל פיר געזונדע. זארגפעלטיגע ערצטליכע בעהאנדלונג. גענויע אויסקונפט אויפ'ן ארט אדער ביי ד"ר פרושינארא, ווארשא, ערוואנסקא 4. 5026 52 26

אדוואקאט

נ. וויינבערג
77 דלוגא 77
עמפפאנגט נור פון 5 ביז 8 נאכמיטאג. 5006 19

א. א. אויך מודיטערוסלען און אלער ארט שתדלנות און אלע רעגירונגס-אנשטאלטען.
פון 1/14 יולי נאוואמיעסקא № 5

נאוואמיעסקא 6

פאסט-עקספעדיציאנס-ביורא

פון ה. פרענקעל

אנגאהמע צו בעווארגען געלד, ואקעטע בריעף, פאסילקעס, אבצונעהמען געלד פון דער פאסט שנעל און פינקטליך. בעווארגע אויך ואקעטע און נעהמענדליכע בריעף צו אלע בעהערדען מיט א האלבע שעה פאר'ן צוג-אבגאנג. פאסילקעס און פאקעטען קענען אויך ביי מיר פערפאקט ווערען. אפען טעגליך פון 8 פריה ביז 10 אבענדס. 5567

אויפצובעוואהרען מעבעל

ווייסלא

אין אייגענע לאגערס. ס'ווערען אויך געגעבען הלוואות אויף מעבעל.
— פערפאקונגען און ציהונגען. —
לאדז, פעטריקויער 69, טעלעפ. 28-90.
ווארשא, מארשאלקאווסקא 104, טעל. 66-86.
5332 15 14

FUCHS צאהן-ארצט

Lodz, Benedykta 2, (הויז ה' ראזענבלאט)

געוועזענער הויפט-אסיסטענט ביים הויף-צאהן-ארצט Engel אין בערלין, טעלעפאן 80-35

נאך 10 יעהריגער פראקטיק אין אויסלאנד (דענטיסט אנגלעטער אמעריקא) האט זיך היער בעזעצט. שמערצלאזע צאהנבעהאנדלונג דורך ספעציעלע מעטאדען און אפאראטען. צאהנציהען דורך נארקאזע אפאראט גענצליך אהנע שמערצען. קונסטליכע פלאמבען אויס גאלד און פארצעלאן. קינסטליכע צייהן מיט און אהנע גומען אויס גאלד און פאר-צעלאן. נאטורעהנליכע פארצעלאן-קראנען און פארצעלאן-בריקען (גאנצע רייהען צייהן). רעגולירט קרום-שטעהענדע צייהן און פאר-גערוקטע קיעפער (wysunięte szczęki) דורך ספעציעלע רינגען און בעזעסטיגט לאקערע צייהן דורך רענטגענשטראהלען. בעהאנדעלט פערשלעכטע צאהן- און מונד-קראנקהייטען דורך ספעציעלע ליכטמעטאדען. הילפט קיעפערבריכע (złamane szczęk) ערפרעקוועגץ און אנדערע שטערונגען, מאכט גאנץ פערלוירענע געזיכטס-טיילען (קינסטליכע נאזען, אויערן ליפען א. ד. ג.)

צור פערלאבונג פון פרל.
טשארנע רענגענוועטער
מיט ה' מאיר שמולעוויטש
גראטולירען הערצליך און ווינשען „מזל טוב"
מענדיל האמבורסקי און פרוי.

צור פערלאבונג פון מיינער קוזינע
טשארנא רענגענוועטער
מיט ה' מאיר שמולעוויטש
ווינשט „מזל טוב"
מ. ד. האמבורסקי.

צור פערלאבונג פון מיינע שוועסטער
עלקא אפעלבוים
מיט ה' יעקב שמואל בימקא
גראטולירען הערצליך און ווינשען
קווינעס גליק 7152
אנשעל אפעלבוים עם פרוי.

צור פערלאבונג פון פריילין
יעטקא האזע
מיט ה' אשר גאלדשטיין אויס קאליש
גראטולירען הערצליכסט און ווינשען
קווינעס גליק
אברהם יוסף מארטקאוויטש
שלמה קוגער. 7155

דוד ווינבלער
אננא פוקס 168
לאדז. עפאטשנע.
פערלאבטע. אים יולי 1914.

אסתר פייבושיאק
שמואל חיים וויינריב
פערלאבטע
לאדז, אים יולי 1914.

צור פערלאבונג פון פרל.
אסתר פייבושיאק
מיט חתן שמואל חיים וויינריב
גראטולירען הערצליכסט און ווינשען
עהרליכעס צופרידענהייט איהר שוועסטער
גוטשיא פייבושיאק,
יחיאל פראהמאן,
דוד פראהמאן. 117

טישלער-געזעלען

צו ווערטע ארבעטער ווערען געזוכט ביי גוטע בעדינגונגען ביי ל. ווינטער
נאווא-אלעקסאנדריסקא 18.

וויכטיג פיר גלובנע גאס און איהר געגענד.
די דיפלאמירטע פון יוריעווער אוניווערסיטעט
אקושערקע
רבקה בארישאנסקע-באטוויניק
מיט 18-יאהריגע פראקטיק וואהנט יעצט אויף גלובנע 41. הילפט און גיט ראט. פיר ארמע טעגליך פון 5 ביז 7 אומזאנסט.
*5256

Dr. med. J. Leibowicz

ד"ר מעד. י. לייבאוויטש
34 דזשיעלנא 34

אסיסטענט פון פראפעסאר קיסטנער אין (ברעסלוי), האט זיך בעזעצט אלס ספעציאל-ארצט פאר אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען, הארנקראנקהייטען דער פרויען. שפרעכשטונדען: ביז 11 פריה און פון 4 ביז 6 נאכמ. זונטאג ביז 12.
29 5695



ד"ר טראכטענהערץ
Dr. Trachtenherz
זאוואדזקא 6. טעל. 84-76

געוו. אסיסטענט דער פעטערסבורגער ספעציעלען שטאדט שפיטעלע. ספעציאל-ארצט פיר סיפיליס הויט און ווענערישע קראנקהייטען אונד מענערשוואכע. בעהאנדלונג נאך עהרליך האטא 606—914 היילונג מיט עלעקטריזיטעט. שפרעכשטונדען פון 8—2 און 6—9 דאמען פון 4 ביז 5. בעזונדערע ווארטע-צימער. 1468

Dr. med. P. Braun

קרוטקא-שטר. 4. טעל. 86-85

געוו. אסיסט. פון בערלינער קליניקען ספעציאל-ארצט פיר הויט-ווענערישע- און געשלעכטס-קראנקהייטען, ספעצ. בעהאנדלונג דעם טריפער און סיפיליס נאך די נייעסטע מעטאדען. עמפפאנגט פון 9—1 און פון 5—9, דאמען פון 3—5. בעזונדערעס ווארטע-צימער.
5568

Dr. med. H. Rożaner

ד"ר מעד. ה. ראזשאנער
ביז'ן 30 יולי ציגעלנע-שטר. 4 טעל. 38-31
פון 30-טען יולי: קרוטקא № 9

ג. אסיסט. פון דער בערלינער קליניק. ספעציאל-ארצט פיר הויט און ווענערישע קראנקהייטען. נייעסטע מעטאדען צור היילונג פון כראנישען טריפער (נאך פראנק) און סיפיליס (קאמבינירטע בעהאנדלונג) מענער-שוואכע, בעלייכטונג פון הארן-קאנאל. היילונג פון האר-אויספאלען. שפרעכשטונדען פון 8—12½ און 4—8½ נאכמ.

Dr. D. ALTERMAN

דר. ד. אלטערמאַן
נאוואמיעסקא 6, טעלעפ. 84-10.
אינערע מעדיצ. הערץ- און לונגען-קראנקהייטען. עמפפאנגט ביז 11 אוהר פריה און פון 5—8 נאכמיטאג.
*1740

Dr. Aleksander Margolis

ד"ר מעד.
אלכסנדר מארגאליס 5817
מאגען-קראנקהייטען
זיעלאנא 6, טעלעפאן 6-18
בין 11 מארגענס און פון 4—7 נאכמיטאג.

אלע זענען איבערצייגט
קנייפ'ס זייף

בעזייטיגט
זומער-שפראסען, פרישצעס, וואנגרעס, פייכטע און טרוקענע לישאיעס און אלערליי אונריינינקייט פון דער הויט.
5355
קנייפס זייף איז אנערקענט פון די גרעסטע דאקטוירים.

בית הכנסת אהל יעקב
דלוגא 18
לזכר נשמת מנהיגנו הגדול
ר' בנימין זאב ב"ר יעקב ד"ר הרצל ז"ל
תערך תפלה והזכרה: 156

א) ביום השבת, י"ז תמוז, בשעה 10 בקר, והמטיף מר מילייקובסקי ינאום לפני קריאת התורה;

ב) ביום ב' אור ליום ג' תמוז בשעה 8 לפנות ערב. תפילת ערבית ע"י הש"ץ מר מסטרמאן. ונאום האבל ע"י מטיפנו מר מילייקובסקי.

מכבדי ומוקירי זכר מנהיגנו מתבקשים לבוא. הועד.

הויבע געמויערטע קעלער

אין פראנט-געביידע

געוועלבט מיט געלאסטערטע שטיין-פאדלאגעס, אויף וואונש אויך מיט עלעקטרישע בעלייכטונג זענען מעהר וואפארט צו פערמיעטען. פעטריקויער שטר. 16, צו ערפאהרען ביים ווירט.

קאלישער שטיקעריי'ען

אויפ'ן פונט, ווי אויך אבשניטע, זענען צו בעקומען צו שפאט-ביליגע פרייזען.
וואלטשאנסקא שטר. 43, וואהנ. 39. 8

יודישע שטעדט און שטעדטלאך אין אמעריקא.

(פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

די יודישע שטעדט און שטעדטליך אין אמעריקא זענען זעהר אינטערעסאנט.

איך האב פארלויפיג בעזוכט 2 שטעדטלעך: באפעלא און ניאגאראפאלס. באפעלא, איז שוין נישט קיין שטעדטיל, מ'קען עס שוין אנרופען א גרויסע שטאדט, זי צעהלט ביז א 250 טויזענד פאמיליעס, זי איז אבער זעהר אנ'אבגעלאזענע שטאדט, באלד ביים אריינפאהרען אין די שטאדט מאכט זי זעהר א שלעכטען איינדרוק, מיט איהרע הויכע פערוויכערטע מויערען, און מיט די נישט איבעריג שעהנע און ריינע גאסען. אויך די מענשען זענען נישט אזוי פון די געהויבענע קלאסען, עס איז דארט שטארק קענטיג דער אנלויף פון פערשידענע מענשען. מ'קען דארט בעגעגענען: פאלאקען, רוסען, טערקען, איטאליענער, יודען, קורץ פון אלע נאציאנען, איבערהויפט איז דארט פאראן פיעל שווארצע מענשען (נעגערס) וועלכע זענען שטארק שמוציג. יודען איז דארט פאראן א היבשע צאהל ביז א 8 טויזענד פאמיליעס, נאר די יודען זענען קיין יודען נישט. זיי זענען עפעס נישט א הין און נישט א הער, זיי ווילען זיך אמעריקאניזירען, און פיהרען זיך אויפ'ן אמעריקאנער שטייגער.

אבער עס זעהט זיך דאך ארויס ביי זיי דאס אלטע שניפעשאק. זיי רעדען ענגליש און ווילען זיך מאכען פאר געבילדעטע מענשען, און מ'זעהט פארט ארויס דאס גראבקייט, וואס איז ביי זיי איינגעפלאנצט. אין אלעם חאפען זיי זיך אן, זיי ווילען דאך זיין מאדערן, אבער קיין זאך קענען זיי נישט אויספיהרען צוליעב זייער נישט ענטוויקעלטקייט, אט האט דארט די יוגענד געפרובט מאכען א סאציאליסטישע פארטיי, איז עס ביי זיי ארויסגעקומען, אז דער סאציאליזם האט אנגעהויבען פשוט צו שימלען. מיט א קורצער צייט צוריק האבען זיי אראבגעבראכט פון ניו-יארק א רעפערענט, וועלכער זאל האלטען פאר זיי א רעפעראט, דער רעפערענט איז געווען דער בעוואוסטער ד"ר סירקין, ער איז אבער אליין א שטארקער נאציאנאליסט, האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטען, איבערהויפט ווען מ'האט איהם דערצעהלט ווי זיי בעציהען זיך צום יודישקייט, האט ער אנגעהויבען אריינצווארפען א פאר ווערטער פון יודישקייט, האבען אלע ביסלעכווייז פערלאזען דעם זאל, דאס האט זיך געטראפען ביי ד"ר סירקין, וועלכער ווערט געשעצט און געאכטעט פון אלע, איהר קענט זיך גאר פארשטעלען, א שטאדט וואו עס געפינען זיך 8 טויזענד יודען און עס זאל דארט נישט זיין קיין יודישע ביבליאטעק, מען האט שוין פיעל מאל געעפענט דארט א ביבליאטעק אבער די דארטיגע יודען האבען נישט געפונען פאר נויטיג זי צו בעזוכען, עס איז זיי בעסער צו זיצען אין דער היים און שפיעלען א קארטיל, (אט דער מין איז דארט שטארק ענטוויקעלט) א צרה, זיי לאזען זיך אפילו נישט לערנען, זאל ווער זיי פרובירען זאגען מוסר איז ער נישט זיכער מיט זיין ביסעל ביינער! איך האב זיך געוואלט בעקענען דארט מיט יודען, האב געהען נאך אין שוהל אריין דאווענען, פונקט אין דעם זעלבען שבת, וואס איך בין דארט געווען איז דארט געווען א מגיד, בין איך איהם געגאנגען הערען, וואס האט ער אזעלכעס צו זאגען, אז איך בין אריין אין שוהל און האב אנגעקוקט דעם מגיד איז מיר פינסטער געווארען פאר די אויגען, איך האב געקענט שווערען, אז דער מגיד האט מיר אין דער היים פערריכט א פאר שיך, אזוי קענטיג איז ער מיר געווען אלס א שוסטער, זיין שטעהן און רעדען האט זיך מיר אויסגערוכט, אז ער האלט א פאר שיך אין די הענד מיט א האמער און קלאפט, און ווינגט זיך צו א שיסטעריש ליעדעל... דער עולם וואס איז דארט געווען איז זיך געזעסען די גאנצע צייט און געשלאפען, טאקי געשמאק און א ביסעל צו געחראפעט אויך... נאר דאס איז נאך גאר נישט. אט ענדיגט ווען ער האט אבגערעדט זעה איך ווי 2 יודען האלטען קאפעליושען און געהן צו יעדען צו מ'זאל געבען עפעס געלד פאר דעם מגיד, איך האב זיך נישט געקאנט איינהאלטען און האב זיי געפרעגט וואס זיי טהוען! עס איז דאך שבת, און נאך דערצו אין א שוהל, האבען, זיי מיר געענטפערט: „איהר ווייסט נישט, אז ס'איז אמעריקא"... אט דאס זענען די יודען וואס געהען אין שוהל אריין דאווענען.

זייער הויפט-בעשעפטיגונג איז פעדלערייא, ארבייטער זענען דא זעהר ווייניג.

איצט דאס צווייטע שטעדטיל ניאגארא-פאלס. דאס איז א וואונדער-שטעדטיל, וואס די גאנצע וועלט קומט עס בעוואונדערען, שטענדיג ווערט מען דארט זעהן טויזענדער אנגעפאהרענע פון די גאנצע וועלט, דארטען קאן מען בעגעגענען פרינצען, פרינצעסינס, גראפען, בארא‌נען, מיליאנערען א. ד. ג. דאס שטעדטיל לעבט נאר פון די געסט.

די בעריהמטקייט פון דעם שטעדטיל איז צוליעב דעם גרויסען וואסער-פאלען, וועלכער רעכענט זיך פאר'ן גרעסטען אין דער וועלט. דער ניאגארא-וואסער-פאל פערנעהמט כמעט א האלב שטעדטיל. אזוי ווי מ'קומט אריין אין דער שטאדט הערט מען שוין דעם רויש פון דעם וואסער-פאלען, וועלכע האלט אין איין פאלען אפשר פון 10 שטאק הויך. ארום און ארום איז א געדיכטער וואלד, און אז מ'קומט צו נעהנטער צום וואסער מוז מען זיך אנטהון ווארימע קליידער, אזוי קאלט איז דארט, חאטש אין שטאדט ברענט נעפעהרליך די היץ. דארטען שטעהען שטענדיג מאלער און פאטאגראפיסטען און נעהמען אראב בילדער, אויך איז דארטען אויף די שטיינער און אויף די בוימער אנגעשריבען די נעמען פון פיעל בעזוכער אויף פיעל שפראכען, פיעלע וואס קומען דארט אהין זיצען די גאנצע צייט ביים וואסער, מ'קען זיך פשוט נישט אבברייסען פון דער וואונדערליכער שעהנקייט.

יודען וואוינען דארט זעהר ווייניג אפשר א 80 פאמיליעס, אמייסטען פון זיי לעבען דערפון, וואס זומער-צייט קומט מען צו זיי אויף פרישע לופט, און זיי זענען טאקי זעהר רייך, און אויך א סך פון זיי בעשעפטיגען זיך מיט אריבערפעקלען איבער דער גרעניץ (שווארצערס), ווייל דארט איז די גרעניץ פון קאנאדא, און די וואס זענען נישט קיין בירגער לאזט מען נישט אריין פון אמעריקא קיין קאנאדא. אז מ'קומט צווישען די יודלעך, פרעגען זיי באלד, אזוי ווי אין רוסלאנד ביי די גרעניצען, צי מ'וויל זיך אריבערפעקלען, און טאמער זאגט מען זיי אז נישט, הויבען זיי אן איינצורעדען, אז מ'דארף זיך נישט שרעקען א. אז. וו.

אט דאס איז די מאָסטע יודישע פרנסה אין דעם וואונדער שענעם שטעדטיל.

ניו-יארק. מ. חמץ.

קליינער פעליעטאָן.

א נייער צדקה-געביעט.

צוליעב דעם וואס די דאָקטוירים האבען די לעבענס צייט איינגעפונען, אז פאר'ן מענש, איבערהויפט פאר קראנקע איז הונגער — א חייל-מיטעל האט איצט א ראטמיסטער און פעטערבורג זיך גענומען צו פאסטען, ער פאסט שוין 20 טעג, דאך איז ער פריש, געזונד און מונטער.
(פון די צייטונגען).

אויבערלייענענדיג די ידיעה אין די צייטונגען האט מיר א בליץ געטהון א געדאנק אין קאפ. דער געדאנק איז געווען אט וואס:

איך זאל גרינדען אין לאדז א נייעם חולים-פעראיין.

א פעראיין אויף צו העלפען קראנקע לויט דער נייער מעטאדע.

מיין פעראיין וועט הייסען „רעבון החולים".

א גאנץ שעהנער נאמען, העט?

צו וואס דארף מען איינענטליך נאך א חולים-פעראיין? — דאס איז קיין קשיא נישט. הלמאי עס קומט אזוי אויך צו יעדע וואך א נייער חולים-פעראיין, און הלמאי צו וואס דארף מען צו האבען דריי אפיציעלע חולים-פעראיינען?

נאר גאר נישט, לאדז האט ליעב חולים-פעראיינען, ווייל איך מיר אויך מאכען א חולים-פעראיין.

יעדערער בכבוד'ער מענש אין לאדז האט זיך זיין הויז, זיין ווייב, זיינע קינדער, זיין—חולים-פעראיין.

היינט, פאר וואס קומט דאס מיר נישט אזא פארציע כבוד!

גרינדע איך מיר טאקי מיין פעראיין.

וואס וועט זיין, ווילט איהר וויסען, דער אונטערשייד פון מיין פעראיין פון די איבעריגע פעראיינען—א קליינינקייט אפילו: אין יענע פעראיינען בעריהמען זיך, אז זיי געבען די קראנקע גאלדרענע גליקען און געבען נעבען זיי—א קרחת. איך וועל צוזאגען מיינע קראנקע א קרחת און געבען זיי טאקי גאלדרענע גליקען...

איהר פרעגט מיך: ווי איך וועל קאנען אויספיהרען דאס וואס איך נעם מיך אונטערנעהמען? — אך, נאך ווי! עס איז דאך נישט אזוי שווער.

מילא צוזאגען א קרחת, דאס איז דאך גאר א לייכטע זאך. נאר געבען „גאלדרענע גליקען" איז אויך נישט אזוי שווער ווי איהר מיינט, די „גאלדרענע גליקען וועלען זיין—היילונג דורך הונגער.

יעדען פאציענט וועט מען הייסען הונגערען, וועט ער נישט וועלען וועט מען איהם פשוט צווינגען דערצו. וועט איינער לויפען צו אונז וועגען א פלעשעל קעפיר פאר א קראנקען וועט מען איהם לאזען אזוי לאנג לויפען ביז דער אפטעקער וועט ביי'ם חולה פערגעהן...

און אזוי אויך וועגען א ביסעל מילך, וויין און אפילו וועגען א ביסעל צוקער.

דאס זעלבע אויך וועגען רעצעפטען.

אי, וואס וועט זיין דער פועל-יוצא דערפון—א גרויסע ישועה. די היילונג וועט קומען דורך הונגער.

איהר קוקט מיך אן מיט אויגען נאר אויפצועסען: סטייטש, און וואס טהוען די היינטיגע חולים-פעראיינען? זיי טהוען דאך טאקע דאס זעלבע!

מוז איך אייך זאגען, אז אין מיין פעראיין וועט מען זיין אביסעל אנדערש. דאס הייסט: טהוען וועט דאס זעלבע ווי אין אלע אנדערע חולים-פעראיינען, פאר וואס? — ווייל יעדערער חולים-פעראיין איז א ליגען. געזונדטע מענשען זענען נישט פעראינטערעסירט צו העלפען קראנקע. אלענפאלס אין דער איצטיגער צייט. עס געפינען זיך אויסנאהמען, איינציגע מענשען, איבערהויפט פרויען, וועלכע זענען נאך פון אלטען דור און טהוען אין דער זאך מיט איבערגעבונג און מסירת-נפש, אבער עטליכע מענשען זענען נישט קיין פעראיין. א פעראיין פון געזונדטע צו העלפען חולים, קראנקע הייסט עס — איז א ליגען. א געזונדטער מענש האט בטבע אנ'אפשר צו א קראנקען, און בכלל זענען די מענשען, היינטיגער צייט נישט אזוי אידעל און אידעאליסטיש.

איז דעריבער: קוים וועט מיין פעראיין זיין א חולים-פעראיין וועט ער אזוי פיעל העלפען קראנקע ווי אלע אנדערע חולים-פעראיינען, נאר איין מעלה וועט ער האבען: ער וועט נישט מאכען קיין שום פערהיילונגען, קיין שום זאבאוועס, קיין שום בעלער און וועט בכלל נישט זוכען קיין שום נייע קוועלען אויף געלד.

ווארום אויב צו הונגערן דארף מען דאך קיין געלד.

אט דאס איז די איינציגע מעלה פון מיין פעראיין.

ווארום נענען די נבאים-פאליטיק האב איך סיי ווי סיי קיין עצה נישט.

ווארום דאס איז דאך זעלבסטפערשטענדליך אז איך מוז זיין פרעזעס פון נייעם פעראיין.

ווארום אויב נישט האב איך א געשעפט מיט דעם גאנצען פעראיין און מיט אלע הולים...

נישט מעהר מען וואלט עפעס געדארפט צו מאכען דריי פרעזעס-בענקלעך ווארום עס וועלען זיך זיכער געפונען נישט פערגינערס, — זאלען זיי אויך האבען...

אלזא איך מיין, אז מיין פעראיין קאן האבען א גרויסען ערפאלג.

ווי געפעהלט עס עפעס אייך, רבותי!

צבי.

וועלט-נייעס.

א יונגעל מיט א חויט פון א פיש.

וועגען אזא מערקווירדיגען פאל האט איצט ד"ר ריליץ געלעזען א בעריכט אין דער מעדיצינישער געזעלשאפט אין לייפציג. עס האנדעלט זיך וועגען א 16 יעהריג יונגעל, וועלכער האט זייט דעם צווייטען יאהר פון זיין לעבען בעקומען אזא חויט. קיין ירושה-זאך איז עס נישט, חאטש די עלטערן ווי אויך די גרויס-עלטערן זענען פאלקאם געזונדטע מענשען. אויפ'ן גאנצען קערפער א הויך אויפ'ן פנים האט דאס יונגעל א חויט וואס איז איינגעטיילט אין טיילען און בעדעקט מיט טרוקענע שופען פון א וועס-גרויער קאליר. אם מעהרסטען האט ער אויף דעם אבערשטען טייל פון די ארעמס, און אויף די פיס. אויף די פיס מאכט די חויט שוין באלד אנ'איינדרוק פון א שלאנגען-חויט. דער קראנקער קאן דעריבער נישט ארויסגעבען פון זיך קיין שוויים און דאס געשעהט ביי איהם נאר דורך די געזונדטע טיילען פון קערפער. עלע פראבעס איהם אויסצוהיילען האבען נישט געווירקט. די דאקטוירים שטעהן פאר א רעטעניש און ווייסען נישט וואס פאר א קראנקהייט דאס איז.

* * *

22 יאהר פאר האבען 2 ווייבער.

פון קאלגארי, אלבערטא (קאנאדא) מעלדעט מען מיט וועגען א סענסאציאנעלען ביגאמיע-פראצעס, וועלכער האט זיך געענדיגט מיט א שווערען אורטייל פאר דעם שולדיגען.

דער אנגעקלאגטער איז געוועזן אייבערשטעס פארס, ערער פרנס, ער איז אנטלאפען פון ניו-יארק, וואו ער האט איבערגעלאזען א פרוי מיט'ן נאמען שרה, און האט געחתונה'ט אין קאלגארי א מיידעל מיט'ן נאמען קלארע. ער האט געלעבט געהיים מיט פיער צו קעגען לייקענען, אז ער איז גיט קיין ביגאמיסט. דאס געריכט האט איהם אבער געפונען פאר שולדיג אז אין פעלשונג און ביגאמיע, ער איז פער'משפט געווארען צו 15 יאהר טורמע פאר דעם ערשטען פערברעכען און צו 7 יאהר טורמע פאר דעם צווייטען פערברעכען. די צוויי טערמינען מוז ער אבזיצען איינעם נאך דעם אנדערען.

ווענ'ען די בעגרענצונגען אויף די ירידים.

ווי מיר האבען שוין געמעלדעט, האט זיך פאר'ן פרעמיער-מיניסטער גארעמיקין פארגעשטעלט א דעפוטאציע פון די אינדוסטריעלער מיט אנדראקאוו'ן אן דער שפיץ און צווישען אנדערען געבעטען אבשאפען די בעגרענצונגען פאר יודען אויף די ירידים.

דער פרעמיער-מיניסטער האט דערויף געענטפערט, אז ער וועט זיך אין דער אנגעלעגענהייט דורכשמועסען מיט'ן אינערען-מיניסטער מאקלאקאוו אין דערמיט האט זיך די דעפוטאציע בעפרידיגט.

ווען מיר בעטראכטען דאס געזעץ פון 1835 וועגען יודען אויף די ירידים, זעהען מיר, אז לויט דעם ראזינגען געזעץ האבען יודען דאס רעכט זיך צו בעטהייליגען אין די ירידים אין ניזשני-נאווגאראד, איהביטסק, קארען, בארקאוו און סומסק, וואו זיי (די יודען) מעגען אין פערלויף פון דער צייט, וואס דער יריד קומט פאר, קויפען און פערקויפען סחורות.

אין רעמועלבען יאהר איז ארויסגעגעבען געוואָרען אנ'ערקלערונג, אז די יודען טארען נישט פערקויפען אויף די ירידים קיין אויסלענדישע סחורות. דאס איז געווען די איינציגע בעגרענצונג פאר יודען.

דאן איז ארויסגעגעבען געווארען א געזעץ, אז יודען מעגען איבערהויפט צייטווייליג פערברענגען אויסער דער „טשערטא" אין געשעפטליכע אנגעלעגענהייטען.

אזוי איז געווען ביז'ן יאהר 1911. די רעגירונג, וועלכע האט זיך אנגעהויבען צו רעכענען מיט'ן דומאריאנעס-ראט (און דער לעצטער פיהרט א ענערגישען קאמפף געגען בערייטענדעטע קאפיטאלען בכלל און געגען יודען בפרט), האט געלעגט איהר אויפמערקזאמקייט אויף דער בעטהייליגונג פון יודען אין די ירידים. דעם 12-טען יולי 1911 האט דער מיניסטארען-ראט בעשלאסען, אז יודען טארען נישט קומען אויף די ירידים אין סיביר. אינטערעסאנט איז, אז אלס גרונד-מאטיוו פון דעם פערבאט האט דער מיניסטארען-ראט אנגעוויעזען דעם 11-טען פונקט, לויט וועלכען יודען טארען נישט קומען קיין סיביר. מען האט זיך דערביי נישט גערעכענט דערמיט, אז דער פונקט איז אנ'אלגעמיינער און האט קיין שום שייכות נישט מיט'ן געזעץ וועגען יודען אויף די ירידים, וועלכער איז אנ'אויסנאהם.

דעם 21-טען מאי 1912 האט דאס יוסטיץ-מיניסטעריום אריינגעטראגען אין סענאט א אנפראגע, צי מעגען יודען ערהוערבען אונבעוועגליכע איינענטימער אויף דער טעריטאריע פון דעם ניזשני-נאווגאראדער יריד, וואס געפינט זיך אין ניזשנער גובערניע. דער סענאט האט אנערקענט, אז די יודען האבען נישט קיין רעכט צו ערוווערבען אונבעוועגליכע איינענטימער אין ניזשני, אויף אזא אופן ווערען איינגעפיהרט די בעגרענצונגען פאר יודען צו בעטהייליגען זיך אין די ירידים.

46

די פערפיהרטע מוטער

אדער

די אומגליקליכע טאכטער.

א שפאנענדער ראמאן פון לארזשער לעבען.

ס'האבען ניט געהאלפען קיין בקשות און קיין טענות, ס'האט ניט געהאלפען וואס ווארשאוויאק אליין איז געקומען צו פריים'ן און האט איהם געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען, אז ער זאל רחמנות האבען אויף די אומגליקליכע קינדער און ניט שטויסען זיי אין א נייעם אונגליק, פריים האט פון קיין זאך ניט געוואלט וויסען.

— איך מוז ברייינגען די פירמע בלומענטאל צו א באנקראט,—האט ער געענטפערט ווארשאוויאק'ן,—ס'האט שוין איינמאל געהאלטען דערביי, איצט מוז עס ערפילט ווערען.

— איהר זענט א גזלן,—האט ווארשאוויאק אויסגערופען אוועקגעהענדיג,— נאר געדענקט איהר וועט נאכאמאל טייער בעצאהלען פאר אייערע מעשים... איהר האט אזוי פיעל מענשען אונגליקליך געמאכט, און דאס וועט אייך ניט געשענקט ווערען.

דאס געשעפט האט געהאלטען פאר א קריזיס, און ענדליך האט דארא קיין אנדער ברירה ניט געהאט און האט זיך ווידער געמוזט צוזאמענקומען מיט פריים'ן. זי האט זיך געטראפען מיט איהם ביי פעליא'ן ווי געוועהנליך און האט איהם געבעטען בעטען רחמים, אז ער זאל רחמנות האבען אויף איהר מיט איהרע קינדער.

— גענוג זענען מיר שוין געשטראפט געווארען,—האט זי איהם געזאגט,— פאר וואס ווילט איהר אונז נאך שטראפען! פאר וועלכע זינד! וואס האבען אייך שלעכטס געטהון מיינע קינדער!

זי האט איהם גענומען דערמאהנען זיינע רייד און זיינע צוזאגען, זי האט איהם גענומען אויפווייזען, ווי שענדליך ער איז זיך בעגאנגען מיט איהר און ווי פיעל אונגליק ער האט געבראכט אויף איהר פאמיליע, און ענדליך, אז זי האט געזעהען, אז דאס ווירקט ניט, האט זי איהם אנגעהויבען סטראשען.

— שפיעלט זיך ניט מיט'ן לעבען פון מענשען,—האט זי איהם געזאגט,— איהר קענט נאך איינער אייגען לעבען ברייינגען אין געפאהר.

פריים איז זעהר געריהרט געווען פון איהרע רייד. ער האט זיך צושריידט מיט איהר, אבער ער האט זיך דאך ניט דערוועגט שלעכטס צו טהון דער פירמע. אבער פאר'ן אוועקגעהן האט ער ניט פערגעסען צו זאגען איהר, אז זי זאל זיך זעהען מיט איהם. און דארא האט געמוזט קומען. ווי שווער זי האט ניט געליטען האט זי מורא געהאט פאר איהם און האט דאך ניט געוואלט אומגעהן מיט איהם מיט בייזען.

און גראדע אין דער צייט, ווען דארא האט ווידער אנגעהויבען צו פיהרען א קאמפף מיט דעם מענשען, וואס האט זי געשטויסען פון איין אונגליק אין צווייטען, איז מאקס צוריקגעקומען א היים.

ער איז געקומען א געזונדטער, א פרעהליכער, א מונטערער, גלייך ווי ס'וואלט נאר קיינמאל מיט איהם קיין זאך ניט פאסירט. א נייער מענש איז ער גאר געווארען, רוהיג, געלאסען, האט זיך פון קיין זאך ניט אויפגערעגט און פלעגט נאך אנדערע בערוהיגען.

און ווי האט ער זיך געפיהרט מיט די קינדער און מיט דארא! ער האט זיי אויף קיין טריט ניט אבגעלאזט, און דארא'ן פלעגט ער ארויסווייזען אזוי פיעל ליעבע, צערטליכקייט און אויפמערקזאמקייט גלייך ווי ער וואלט זיך עפיס פערזינדיגט אנטקעגען איהר און וואלט זי געוואלט איצט איבערבעטען און גוטען זי, אז זי זאל פערגעסען אלץ וואס ס'איז געווען צווישען זיי.

ער האט מיט קיין מינע, מיט קיין ווארט, ניט געגעבען צו פערשטעהן, אז ער געדענקט עפיס פון פריהער, ער האט איצט נאר געלעבט פאר זיין ווייב און קינדער און האט זיך בעמיהט אריינצוברענגען פריידען און רוה אין זיין הויז אריין.

פאר דארא'ן איז איצט געקומען א שווערע צייט פון שרעקליכע ליידען און פון א ערנסטען בייזערען קאמפף. פון איין זייט האט זי געמוזט פערהיטען מאקס'ן פון אויפרעגונגען, זי האט מורא געהאט, אז די מינדסטע אונפארזיכטיגקייט זאל ווידער ניט ווירקען אויף זיין גייסט, און פון דער אנדערער זייט האט זי זיך געמוזט פערטהיידיגען געגען פריים'ן, וועלכער האט זי ניט געלאזט צורוה און ערפאלגט.

דארא איז ניט אבגעטרעטען פון מאקס'ן, זי האט איהם בעהאנדעלט ווי א ליעבענדע פרוי, ווי א צארטע מוטער. נאר וואס מעהר זי האט זיך צוגעקוקט צו איהם און צו זיינע מאניערען, וואס מעהר זי האט די געלעגענהייט געהאט צו בעאבאכטען איהם אליין און זיך צוהערען צו זיינע רייד, אלץ מעהר האט זי זיך איבערצייגט, אז ער איז נאך ניט אינגאנצען געזונד געווארען. אין זיינע אויגען האט עפיס אפטמאל געבלישטשעט א מאדנער גלאנץ, און ניט זעלטען פלעגט זי הערען פון איהם אזוינע רייד, וואס א מענש מיט א קלארען פערשטאנד וואלט עס קיינמאל ניט געזאגט.

דארא האט זיך ווידער אנגעהויבען שטארק צו בעאונרוהיגען, זי האט דייטליך געזעהען, אז ער איז קראנק, אונהיילבאר קראנק, אבער זי האט געשוויגען און האט עס געשטיקט אין זיך.

אזוי האבען זיי געלעבט א פאר וואכען צוזאמען, און ענדליך האבען אויך אנדערע אנגעהויבען צו בעמערקען, אז מאקס איז מאמענטענווייז ניט אינגאנצען ביי'ם פערשטאנד.

אזוי לאנג אבער ווי ער איז געווען רוהיג, האט זיך קיינער ניט דערוועגט צו ריידען א ווארט וועגען דעם, וואס יעדער האט געטראכט ביי זיך אין הארצען.

איינמאל ווען מאקס איז געזעסען און האט גערעדט מיט דארא'ן וועגען פערשיעדענע גלייכגילטיגע זאכען האט ער זיך פלוצלונג אויפגעהויבען און האט זי א פרעג געטהון:

— וואו איז אונזער זוהן! ער איז געשטארבען, יא! ווער האט איהם בעגראבען! דו! יא!

דארא האט א ציטער געטהון. זי האט ווידער דערזעהען פאר זיך זיינע שרעקליכע האלב-ווילדע צומישטע אויגען, זי האט דערזעהען דעמזעלבינגען מאקס'ן וואס מיט א פאר חדשים צוריק בעת ס'האט איהם אבגעפיהרט אין שפיטאל, און זי האט מורא געהאט צו ענטפערען א ווארט.

— וואו איז ער אונזער זוהן! — איז ער ווידער צוגעשטאנען צו איהר,— וואו האט מען איהם בעגראבען! פאר וואס ענטפערסטו ניט!

— מ'האט איהם בעגראבען אויפ'ן בית-עולם,—האט זי געענטפערט מיט א ציטערנדיגער שטימע.

מאקס איז ארומגעלאפען איבער'ן שטוב א הין און צוריק ריידענדיג צו זיך אליין.

— אויפ'ן בית-עולם! אויפ'ן בית-עולם! איך וויל געהען א הין.

אין א מינוט ארום האט ער זיך ווידער געווענדעט צו איהר:

— ווער האט איהם בעגראבען! ווער! ווער!

— א יוד, יאנקעל דערוועבער,—האט זי איהם געענטפערט,—דו האסט דאך אליין געזעהען, ווי ער האט איהם ארויסגעטראגען פון שטוב.

— יא, יא,—האט זיך מאקס אנגערופען פערטראכטענדיג זיך אויף א ווייל,—איך האב טאקי געזעהען.

דארא האט זיך בעמיהט מיט אלע מעגליכקייטען איהם צו בערוהיגען. מאקס האט זיך צוגעהערט אויפמערקזאם צו איהרע רייד און ענדליך האט ער זיך א ביסעל בערוהיגט.

א צושראקענע און א צומומעלטע איז דארא אוועק צו ווארשאוויאק'ן אנזאגען איהם, אז די קראנקהייט טהוט זיך ווידער בעווייזען.

און ווירקליך האבען שוין איצט אלע געזעהען, אז ער איז קראנק. מ'האט אנגעהויבען פארזיכטיג זיך בעגעהען מיט איהם. די קינדער האט מען ניט געוואלט לאזען צו איהם און ער האט אויך ניט געפרעגט נאך זיי. נאר ווען ער האט געטראפען פלעגט ער פרעגען:

— וואו איז מיין זוהן! וואו ליגט ער בעגראבען!

אז מ'האט געבראכט דאקטוירים האבען זיי געהייסען, אז מען זאל איהם פיהרען ווייזען, וואו זיין זוהן ליגט בעגראבען.

(פארזעצונג קומט).

בעקאנטמאכונג.

הערדורך טיילע איך מיט מיינע געשעצטע קונדשאפט, דאס מיינע ביורא'ס און לאגער-רוימע אין לאדז זענען פון 1 טען יולי 1914 פערלייגט געווארען אין א בעדייטענד גרעסערן לאקאל אויף

פרזשעיאזד שטר. № 20 עקע ניקאלאיעווסקא.

האַנדעלסהױז

Handelshaus und Technische Bureaux

Adolf Richter

Lodz, Przejazd № 20. Ecke Nikołajewska.
WARSCHAU, Leschno № 6.

5826 3 1

נײַ געעפענטער פענסיאנאט „פארטונא" אין אטוואצק

ווילא דעמעל, וויאנזאווסקא גאס

א שטויבלאזער גרויסער אבגעזונדערטער וואלד-פארק, גרויסע, זוניגע, לופטיגע צימער, ליעגע-קור, היגיענישע איינריכטונג, עלעקטרישע בעלייכטונג, געזונדע און קאמפערע קיך און גוטע פראנדליכע בעהאנדלונג.

מיט אכטונג אננא גורוויצמאן (אויס לאדז). 5822 6 1

Bad Kudowa

כשר Villa Lövy I. R. כשר

טעל. Tel. 49

עמפפיעהלט זיך אים וואלד געלעגענעם לאזשירהויז מיט פענסיאן אונד קאמפארט. טאבעל נאך דער נייעסטען צײַט אויסגעשטאטעט ואפילו המהדרין מן המהדרין יבולים לסמוך עליו.

5379 8 7

משה מנחם סג"ל לעווי

בלאטא"ו הרב המח"ג ממדינת הגר.

גרויסער מיטאגטיש!

על תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו!

קוקט ניט אויף אלע פירמען נור נוצט מײַן שוה-פאסטא „עמאליין" און פוצ-מעטאל „סידאראל" ווי זענען די בעסטע און די ביליגסטע אין דער וועלט. פערטרעטער פיר רוסלאנד און פוילען ווערען געזוכט. עמאנועל קאליסקי לאדז, פאלודניאווא 2 פר. I שטאק.

100 6 2

---

157 פראשעניעס

קרימינעלע פראצעסען, טעלעגראמען, קאפיעס, קאנטראקטען, אויסלענדישע פעסער, אויך ערמיניסטראציע און זאכען נעמט אן דוד מאקאוו ווידזשעווסקא 86 וו. 88.

ЧУДЕСА творить знаменитое травяное медицинское МЫЛО ГЕРБА Д-ра Обермейера

Продаютъ аптеки и аптекарскіе магазины.

ПОЛНОЕ ИСЦѢЛЕНІЕ!

בײַ'ן 14-טען יולי א פאלשטענדיגער

אויספערקויף

פון גאלאנטעריע און שפילווארען ביז 25% ראבאט-ערמעסיגונג.

ר. ניכט 7128

108 פעטריקויער 108

שוינט אײַער געלד! קומט און איבערצייגט אײך!

גוואלדריזען, לעצער און פערש. שטאף. ערבעטען ווערען פינקטליך און פראמפט פון א גוטען פאכמאן, לויט מוסטער, צו ביליגע פרייזען אויסגעפיהרט. פעטריקויער № 81, רעכטס 3-טען איינגאנג אפיציגע 3-טער שטאק וואהנ. 35, 5, שימקעוויטש.

159 12 9

געלעגענהייטספערקויף

א סאלאן און שפײַז-צימער-לאמפע ווארפם ביליג צו פערקויפען. חסכאדניע 45 וו. 4 פראנט 2-טען שטאק. 117 2 2

ס'איז פערלוירען געווארען

א פארטפעל מיט פערשידענע פאפירען און פערש. וועקסעל, וועלכע ווערען פיר אונגילטיג ערקלערט. דער ערליכער פינדער ווערט געבעטען געגען בעלוינונג עס צוריקגעבען פאנסקא 99 ביי L. Schröter

184 1

די שעהנסטע

קאליגראפישע קאנטארסקע שנעל-שריפט לערנט אויס דער בעריהמטער פר' קאליגראף ל. בערמאן, זאוואדזקא 19 אין 10 לעקציאנען. די ערנסטע צוגרייגענע האנדשריפט ווערט אויסגעבעסערט אויף דער שעהנסטער שריפט, וואס איז נוצבאר פאר בוכהאלטעריע און קאררעספאנדענציע. דער פרייז איז זעהר ביליג. דער וואס צאהלט איין מאל 2 שפראכען, לערען איך רעגדשריפט אומזאנסט. דער וואס קען גאר ניט שרייבען קען זיך אויסלערנען שרייבען גוט א בריעף אין איין מאנאט. פאר ערפאלג ווערט גאראנטירט. געדענקט דעם אדרעס זאוואדזקא 19, וו. 1.

Майеръ Гершенъ Менделовъ Выгодскій

потерялъ свой паспортъ, а также свидѣтельство о отбываніи воинской повинност и легитим. книжкр. Отдать въ полицію или Новоалександр. 6 Выгодскому.

3 2 141

א גרייטע פרנסה

א חדר אין בעסטען ארדנונג וואס ברענגט א ריינע הכנסה פון 120 רובל א חודש, איז איבערצוגעבען. אפערטען אין רעדאקציע פיר M. 11. 3 2 109

קאנצערט-גארטען

„מאנטיפעל"

טעגליך קאנצערט

פון ווארשויער סימפאנישען ארקעסטער אונטער לייטונג פון ה' בראניסלאוו שולץ, פראפעסאר פון ווארשויער מוזיק. געזעל. אנפאנג האלב 9. עס זאן- און פייערטאגען 8 אוהר. ענטרע 50 קאפ. שילער 20 ק. סימפאניע-קאנצערט 75 ק., שילער 30 ק. אבאנעמענטען 4.80.

א קאלאניאל-געוועלב

גוט איינגעפיהרט איז קראנקהייטסהאלבער זאפארט איבערצוגעבען. חסכאדניע 55 לייבוש מאנחעם. 7136 3 2

א וואהנונג פון 3 גרויסע צימער מיט קיכע, 2 איינגענגע, איז פער זאפארט איבערצוגעבען, ווידזשעווסקא 40. צו ערפאהרען ביי א. וועלטער, חסכאדניע שמר. 69. 138 3 2

צו פערמיעטען

אין לאדען מיט אין צימער פאסענד פיר אין מילך אונד פוטער-געשעפט אויך פיר אנדערע וואארע דרעווינאווסקא 11. 147 2

ווער עס וויל אויסקורירען זיין מאגען, בעקומט ביי מיר געשמאקע

היגיענישע פריוואט-מיטאגע

Восходняя 70, кв. 32 J. P. 1232

א גוט-נעהענדער

קאמפאניאר-לאדען, אברעזעהאלבער פער זאפארט צו פערקויפען. פאנסקא שטר. 3. 135 3 2

א גוט איינגעפיהרטעס געשעפט, וועלכעס עקזיסטירט שוין 15 יאהר איז איבערצוגעבען. נעהעריעס צו ערפאהרען חסכאדניע 48 אין פוטער-געשעפט. 3 3 114

נאכט-בעדינער פון 24 ביז 36 יאהר עהרליכע און טיכטיגע, קענען זיך מעלדען אין די קאנצעלאריע פון פאזנאנסקי'ס שפיטאל פון 12 ביז 1 א ווייער מיטאג. 5823 4 2

א בוי-פלאץ

פיר פאבריק און וואהנהייזער מיט אבפלוס און פאמיליען-הייזער פאר ארבייטער-וואהנונגען. דער פלאץ איז ביליג צו פערקויפען. צו ערפאהרען ביי ע. זאנענבערג פאנסקא 1 אים לאדען. 3 2 128

גוטע פארטיערען-נייעריגס ווי אויך לערן-יונגלעך ווערען זאפארט געבראויכט ביי ש. גראסמאן פעטריקויער 79. 2 2 113

וועשנעהערינס

מאשין-שטיקעריגס און לערן-מעדלעך ווערען געבראויכט נאוואמיעיסקא 4 וואהנ. 48. 2 2 112

א יונגערמאן

וועלכער די 3 לאנדעס-שפראכען בעהערשט אין מעכאנישע וועבערייע עס צווירנערייע בעקאנט איז אונד מוסטער-ציילבונג פערשטעהט, וועלכע אין פאסטען פיר קליינעס לוין קען אויך זיין צו א אנדער געשעפט מיט 1000 רובל קויציאן. אפערטען אונטער M.-M. אין ד. עדמ. ד. בל. 3 2 103

די ערשטע

היילאנשטאלט-אמבולאטאריום

פיר קאמענדע קראנקע, פעטריקויער 45 טעלעפאן 30-13

דר. ק. בלום, נאז-, אויהרען- אונד האלז-קראנקה. מאנטאג, דיענסט, מיטוו, דאנערשטאג, פון 1—2, פרייטאג, שבת, זונט. פון 9—10 פריה.

דר. י. ליפשיץ, קינדער-קראנקהייטען פון 1—2.

דר. מ. קאנטאר, חירורג-קראנקהייטען פון 2—3 און 7—8.

דר. מ. פאפיערני, פרויען-קראנקהייטען פון 3—4.

דר. ב. דאנציג, אויגען-קראנקהייטען נעהמט אן טעגליך פון 9—10 פריה.

דר. י. שווארצוואסער, אינערליכע און נערווען פון 10—11 אונד 4½—5½.

דר. ל. פריבולסקי, הויט אונד וועגערישע קראנקהייטען מאנט. דיענסט. דאנערשט. אונד פרייטאג פון 1½—2½. מאנטאג, מיטוואך און שבת פון 8—9.

דר. שומאכער הויט און געשלעכטס-קראנקהייטען, מאנטאג, מיטוואך און שבת פון 1½—2½. דיענסטאג, דאנערשטאג און פרייטאג פון 8½—9½ אבענדס וזונטאג פון 2—3.

בלוט, אורין-אנאליזען, פאקען ימפען. אינהאלאציאן נאך סיסטעם פראפעסאר קראסטען.

פיר אונטערזוכונג בעראטונג 50 קאפ.

מעבעל — צוליעב אבריזע פערקויף איך מײַן מעבעל איינגעך שראנקען, בעטען מיט מאטראצען, אויסציה-טיש מיט שטוהלען, לעדער-אטאמאנקע, בעלגישע שפיגעל, הענגעל-לאמפע, וואש-טיש מיט מארמאר. שרעדניע 52 וו. 6.

הערמיט דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען בײַלײַד דער פאמיליע פון אונזער לאנג-יעהריגער מיטגליעד נ"ע

סאלא פעשע קארפאווסקא

(געבוירען קרינסקא)

איהר אנדענקען וועט אויף אימער ביי אונז בלייבען.

„חברה חייטים". 7150

Частное IV-хъ кл. Еврейское мужское учебное заведеніе

съ курсомъ правительственныхъ прогимназій М. Н. П.

ש. קאוונער — Ш. КОВНЕРА

Завадская 19 זאוואדזקא

די יודישע פראגימנאזיום מאכט בעקאנט, דאס די ביטעס פיר נייע שילער אין ביידע פארבערייטונגס, ערשטע, צווייטע, דריטע און פירטע קלאסען ווערדען אנגענומען אין דער קאנצלייי טעגליך פון 9—2 פריה.

אויסער אלע געגענשטענדע לויט דעם פראגראם פון רעגירונגס-גימנאזיום, ווערען געלערנט דורך ספעציאליסטען לעהרער העברעאיש, יודישע ליטעראטור און געשיכטע מיט א ברייטען סיסטעמאטישען פראגראם לויט דער נאטירליכע מעטאדע (עברית בעברית).

מיט דער ערלויבניס פון קוראטאר דער ווארשויער לעהרבעצירקס ווירד פון דיזעס יאהר איינגעפיהרט די דאפעלטע איטאליענישע בוכפיהרונג און אלע געגענשטענדע, וועלכע צו די בוכפיהרונג געהערען זאווי קאמערץ-אריטמעטיק, קארעספאנדענץ און די איבריגע געגענשטענדע, אין דער שולע איזט פון פאריגעס יאהר איינגעפיהרט געווארען מיליטערישע גימנאסטיק אונטער לייטונג פון א אפיציער.

שבת און יודישע יום-טובים איז דאס פראגימנאזיום געשלאסען.

אין די יונגערע אבטיילונג דעם פארבערייטונגס-קלאסע, קענען אנקומען קינדער פאסט אהנע פארבערייטונג, פיר די שילער, וועלכע זיך פארבערייטען צו דען נאך פעריענס-עקזאמען, איזט פיר מעסיגע פרייזען איינגעפיהרט שטונדען אונטער דער לייטונג דעם אינהאבערס דעם פראגימנאזיום.

די פרייזע ווירד פאלגענדע: פיר די יונגערע פארבערייטונגס-קלאסע 50 רובל און דען עלטערען פארבערייטונגס-קלאסע 60 רובל יעהרליך. די צאהל דער שילער אין יעדער קלאסע איזט שטרענג בעגרענצט.

5789 3 3

Частное 2-классное еврейское общее училище

Цегельняная 4. **Ф. КАЦЕНЕЛЬСОНЪ** Цегельняная 4.

צוויי קלאסיגע שולע מיט דריי פארבערייטונגס-קלאסען A-B-C פיר שילער און שילערינס

פ. קאצענעלזאהן צעגעלניאנא 4.

דעם 15-טען אויגוסט פאנגט אן דאס אונטעררירכט פאר אונזערע שילער וואס געהען איבער אין העכערע קלאסען און פאר די נייע-פערשרייבענע. אלע געגענשטענדע, וועלכע עס ווערען בײַ אונז געלערנט, זענען אויסגעקאנטשאלט נאך דער מוסטער פון די בעסערע אייראפעאישע שולען. די העברעאישע שפראך ווי אויך די ביבעל ווערען געלערנט מיט דער פראבעלשער מעטאדע, וואס גיעט דעם קינד זעהר פיעל און שטארקט זיי. ווי רוסיש, פוילניש, דייטש, אריטמעטיק א. א. וו. זענען פון דאס לעהרער-ספעציאליסטען. די שולע איז בעדייטענד פערגרעסערט געווארען און איז פערזעהען מיט ליכטיגע זוניגע צימערן, ווי אויך מיט אלע היגיענישע איינריכטונגען, דער געזונדהייטסצושטאנד פון אונזערע שילער און שילערינס איז אונטער דער אויפזיכט פון א דאקטאר.

שילער און שילערינס ווערען אנגענומען אין קאנצעלאריע יעדען טאג פון 11 ביז 12 מיטאג און פון 4 ביז 7 אווענד.

איינציגע אין לאדז

ג"ן ילדים — העברעאישע פרעבעל-שולע

עברי — געגרינדעט דורך

ש. קאצענעלזאהן-פיינשטיין,

לאדז, צעגעלניאנא-שטראסע 4.

5790

דער אונטעררירכט פאנגט אן דעם 15-טען אויגוסט.

די העברעאישע פרעבעל-שולע האט אין פערלויף פון די צוויי יאהר וואס זי עקזיסטירט זיך ערווארבען דעם בעסטען נאמען אין די סימפאטיען פון יודישע עלטערן. די פרעבעל-שולע איז איינגעריכטעט מיט דעם גרעסטען קאמפארט, גרויסע ליכטיגע צימערן. די שילער וועלען דורכגעהן א פאלשטענדיגען קורס פון דער העברעאישער שפראך, לערנענדיג נאך דער ביבעל און אלע אין א לײַכטער פערשטענדליכער פארם. די קינדער וועלען זיך ווערלען דורך אינטערעסאנטע שפילערייען און קאנווערזאציאנס-שטונדען, ווי אויך לײַכטע גימנאסטיק, האנד-ארבייט און צייכנען. אלע געגענשטענדע ווערען אונטערריכטעט אין העברעאיש. קינדער פון 4 ביז 7 יאהר (יונגלעך און מיידלעך) ווערען אנגענומען יעדען טאג אין קאנצעלאריע פון פרעבעל-שולע פון 11 ביז 5 מיטאג. —— 4 צעגעלניאנא 4 (פראנט) 1-טען שטאק.

נייע מעבעל

זעהר וועניג געניצט, שלאף- און שפייז-צימער זאווי קיכע צו פערקויפען אלגינסקא 9 ביי וויטקין אנצוזעהען פון 7 ביז 8 אבענדס. 3 3 127

ביליג צו פערקויפען

א איינריכטונג פון א שפייז-צימער, גענוצטעס, סאלידע ארבייט, ווי אויך קאבינעט-גארניטור, צו ערפאהרען פעטריקויער שטר. 116, וו. 3. 7006 3 3

---

22 131 צו פערמיעטען

פון יולי א לאדען מיט וואהנונגען שרעדניא 15 וואו עס געפינט זיך איצט א מעבעל-מאגאזין, און א טישלער-ווערקשטאט.

Dr. med. Leyberg

קרוטקא 5 טעל. 26-50

ספעציאליסט פיר הויט, וועגערישע און געשלעכטס-קראנקהייטען. עמפפאנגט פון 10—1 און פון 6—8 נאכמיטאג. פרויען פון 5—6. (פיר פרויען א בעזונדער ווארטע-צימער). * 5050

אקושעריו-מאסאזשיסטין

דיפלאמירט פון קייזערל. מעדיציניש-אקאדעמיע אין פעטערסבורג

נעמט אן מאסאזש, געבורטען הויט-איינשפריצונגען, ערטיילט ראטה אונד הילפע געהיימע פאלשטענדיגער סעקרעט. ברוסט-ענטוויקלונג.

829 10 8

אנדרושעוו 39, וו. 13, פון 12—8.

Dr. med. I. Izykson

ד"ר מעד. י. איציקסאן

אלעקסאנדראווסקא 37

אינערע און קינדער-קראנקהייטען. עמפפאנגט פון 10 ביז 12 פארם. און פון 5 ביז 7 נאכמיטאג. 5060

ד"ר מ. וואלפסאהן

אינערע און קינדער-קראנקהייטען

ווסכאדניא 17 טעלעפ. 32-04

עמפפאנגט צו הויזע פון 4 ביז 6 נאכמיטאג. און פון 9 ביז 10½ פריה און אבלומער-קליניק וניערזער 15. 6184

Dr. L. PRYBULSKI

ד"ר ל. פריבולסקי

פאלודניאווא 2. טעל. 13-59

ספעציאל-ארצט פיר הויט, וועגערישע אור, האאר-קראנקהייטען עם מענער-שוועכע, אויף קאסמעטישע פעלער. בעהאנדלונג פון סיפיליס נאך עהרליך האטא 606-914 אהנע בעריפס שטערונג. היילונג מיט עלעקטריציטעט אונד וויבראציאנס-מאסאזש, בעהאנדלונג הויט און האר-קראנקהייטען מיט קינסטליכער העהענזאנע (קווארצלאמפען). שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד 4—9. פיר דאמען 5—6 בעזונדער ווארטעצימער. *

Dr. A. Grosglik

רענטגען און ליכט-היילאינסטיטוט.

זאכאדניא 68 טעל. 35-16.

הויט, האר, וועגערישע און הארן-ארגאנען קראנקהייטען. בלוט-אונטערזוכונג ביי סיפיליס בעהאנדלונג מיט רענטגענשטראהלען, קווארץ ליכט און הויכעפרעקווענץ (צארסאנוואליזאציאן). שפרעכשטונדען פון 8½—11½ און פון 3—6. פיר דאמען 5—6.

Dr. med. Langbard

געוו. אסיסטענט אין בערלינער קליניק

וועגערישע קראנקהייטען, ספעציעל טריפער און סיפיליס

נאך די נייעסטע בעהאנדלונגס-מעטאדען

זאוואדסקא 10, טעל. 33-88.

שפרעכשט. פון 8—1 און פון 4 ביז 8½ אבענדס. 1545

דאקטארין ל. ראבינאוויטש

אינערע- און קינדער-קראנקהייטען

וואהנט קאנסטאנטינער 37.

נימט אן פון 10 ביז 12 און פון 4 ביז 6 אבענדס. 2093

פעלדשער גרינבוים

צוריקגעקעהרט

וואהנט יעצט גלוונא 47

טעל. 33-48 2 2 059

Dr. L. Klatschkin

ד"ר ל. קלאטשקין

קאנסטאנטינער 11.

ספעציאל-ארצט פיר הויט און וועגערישע קראנקהייטען, שפרעכשטונדען פון 9 ביז 1 און פון 6 ביז 8 אבענד. פיר דאמען בעזונדערעס ווארטע-צימער פון 5 ביז 6 נאכם. 15267

פון אויסלאנד צוריקגעקעהרט

דר. לעווקאוויטש

הויט וועגערישע בלוטען-לעדען אונד מענער שוואכע. ביי סיפיליס 606—914 טריפער-היילונג אהן שפריצונגען לויט א נייע מעטאדע) קאנסטאנטינער שטר. 12 צוגאנג וועליגס טעלעפאן. שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד פון 6—8 נאכמ. דאמען פון 5—6.

ד"ר זילבערשטראם

Dr. J. Silberstrom

ארדינ. אים שפיטאל. פון רויטען-קרייץ

12 זאוואדזקא 12

הויט געשלעכטס אונד וועגערישע קראנקהייטען. (בעהאנדלונג מיט עהרליך-האטא 606—914) ערצטליכע קאסמעטיק. (ענטפערנונג לעסטיגער האר, פלעקען א. ז. וו. 12—2½ 5—8 זונטאגס 4—11

Dr. D. Fried

ד"ר ד. פריעד

ספעציאל-ארצט פיר אינערע אונד קינדער-קראנקהייטען וואהנט יעצט ציגעלנע שטר. 45 הויז בנרטש. שפרעכשטונדען פון 9—11 פריה און פון 3—6 נאכמיטאג.

טעלעפאן 33-11. *

צאהן-ארצט ב. הורוויץ

ציגעלנע-שטר. 45.

איינגאנג ווסכאדניע 55.

נימט אן טעגליך פון 9 פריה ביז 8 אבענד נעמט ערויס צייהן אהנע שמערצען, קינסטליכע צייהן מיט און אהנע גומען אויס גאלד און פלאטין. גאלדענע קראנען און ברוקען-ארבייט. פיר ארבייטער און שילער אויסערגעוועהנליך ביליגער. 89

PROSIMY ZAZNAJOMIĆ SIĘ Z NAJNOWSZĄ TYLKO CO WPROWADZONĄ MASZYNĄ DO SZYCIA XX WIEKU

«66»

DEMONSTRUJE SIĘ WE WSZYSTKICH SKLEPACH NASZYCH

ILLUSTROWANY KATALOG BEZPŁATNIE.

KOMPANJA SINGER

4-קלאסיגע מיט רעגירונגס-רעכטע העברעאישע אנפ. שולע

פון וו. י. יעווצעכעוויטש 10 3 5760

В. И. ЕВЦЕХЕВИЧА

(קאנסטאנטינער 72)

מאכט בעקאנט, אז די איינטריטס עקזאמענס פאנגען אן דעם 18/31 אויגוסט. זומער-צייט נעהמט אן דער אינספעקטאר יעדען שבת פון 6—9 און אונטער און זונטאג פון 9—12 פארם. פון אויגוסט וועט זיך עפענען א איינטריטס (A) קלאסע ווי עס ווערען אנגענומען קינדער פון 7 יאהר אן, וועלכע קענען נאך גארניט. פראשעניעס ווערען אנגענומען טעגליך פון 5—7 אין אבענד אין דער קאנצעלאריע. דארטועלבסט זענען צו בעקומען בלאנקען פאר פראשעניעס. שילער, וועלכע ענדיגען א איינקלאסיגע רעגירונגס-אנפאנגס-שולע, ווערען אנגענומען אין די ערשטע קלאס (לויט א צייגניס).

נור פאלודניאווא 12

וויכטיגעס נייעס פיר אלע וועלכע געברויכען נייע לאמפען

האבע איך צוגעשיקט צום סעזאן אין גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע עלעקטרישע, גאזאווע און נאפטאווע לאמפען אויסלענדישע און אינלענדישע, אלעס צו ביליגע פרייזען עס רעעלע בעהאנדלונג, ווי אויך אין גרויסען אויסוואהל פון אויסלענד. וויידענע שיינע לאמפען.

בעמערקונג: איך נעהמע אן אלע ארט לאמפען צום אומארבייטען אויף גאז, עלעקטריש עס נאפט. איין גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע ראמש-לאמפען מיט 40% ראבאט.

געדענקט מיין אדרעס: 5791

י. ניימארק, פאלודניאווא 12 טעלעפאן 91-82.

פאבריק און לאגער, פעטריקויער 114

די ערשטע לאדזער גלאז- און שפיגעל-שלייפעריי פון

Edmund Werminski

Lodz, Petrikauer 114 פארם. געבר. ווערמינסקי

עמפפעהלט זיך צו שוויפענסטער-פערגלאזונגען, קונסט-פערגלאזונגען אין מעסינג, קופפער, ניקעל און בליי, קריסטאל-פאצעטט-פערגלאזונגען א. ז. וו. אויסער דעם קריסטאל-שפיגעל און קריסטאל-גלאז פון דער בעלגישער פאבריק „Compagnie des Glaces du Midi a la Russie"

SIEGE SOCIALE, CHARLEROI, BELGIGNI,

ווי אויך אויסלאגע-פלאטען, קוטשען און אויטאמאביל פאצעטשייבען, פירמען-שילדער און גראב-פלאטען אויס מאסיוו שווארץ, אדער פארביגעס גלאז, וויטערשטראהל-בלאזונגען פאר אבגעפאסטע מוסטערשייבען און מאט-גלאז, ארנאמענט און קאטעדראהל-גלאז אין אלע פארבען א. ז. וו. א. ז. וו. מיר נעהמען אויך איבער צו בעלעגען שאדהאפטע שפיגעל. 5732 25 5

רעעלע בעדיענונג, ביטע קאסטען-אנשל. צו פערלאנגען. מעסיגע פרייזען.

פאבריק און לאגער, פעטריקויער 114

היילאנשטאלט פיר הויט- אונד וועגערישע קראנקהייטען

ד"ר ל. פאלק, ז. גאליץ א. סט. יעלניצקי

וואלטשאנסקא 36, טעלעפאן 14-81.

ספעציאלעס שטאציאנערער קראנקער (אין איזאלירטען אונד אלגעמיינען קראנקען צימער). — טעגליך אמבולאטארישער עמפפאנג אונבעמיטעלטער פאציענטען. קאנסולטאציאן 60 קאפ. 737

רענטגען-, ליכט- אונד עלעקטריזיטעטס-קורען.

בלוט-אונטערזוכונג ביי סיפיליס. עלעקטרישע גליהליכט-בעדער.

שפרעכשטונדען דער אמבולאנץ: וואכענטאגס פון 8 ביז 9 אוהר פריה, 12 ביז האלב 2 מיטאגס און 7½ ביז 8½ אוהר אבענדס. — אם זאן- און פייערטאגען פון 8 ביז 10 אוהר פריה אונ 12 ביז האלב 2 אוהר נאכמיטאגס.

באלוטער היילאנשטאלט

15 זגערזשער 15.

ד"ר וואלפסאן, ד"ר מינץ, ד"ר טענענבוים און ד"ר מערעשקאוויץ

אינערליכע, קינדער און פרויען קראנקהייטען פון 9 ביז 8 און פון 6½ ביז 8

ד"ר האלענדערסקא אויגענקראנקהייטען פון 10 ביז 11. ד"ר זילבערשטראם הויט אונד וועגערישע קר. פון 3 ביז 4 נאכם. ד"ר ב. כהן כירורגישע אויערען, נאזע און האלז-קראנקהייטען פון 2½ ביז 3½ נאכם.

ראט 30 קאפ. 5562

Dr. P. Grossman

דר. פ. גראסמאן

אינערע און קינדער- קראנקהייטען

פעטריקויער 15. טעל. 21-83

שפרעכשט. 9—10 פריה און 7—5 נאכם 4241

Dr. B. Rejt

שרעדניא 5 — טעלעפאן 79-83.

ספעציאליסט אויף קראנקהייטען: הויט, וועגערישע, געשלעכטס און ערצטליכע קאסמעטיק. היילונג פון סיפיליס מיט סאלווארסאן עהרליך האטא 606 און 914. היילונג מיט עלעקטריציטעט, עלעקטראסקאפי (ענטפערנונג פון האר), (אורעטראסקאפיע). עמפפאנג פון 8 ביז 1 און פון 5—8. זונטאג און פייערטאגען פון 10—2. פאר דאמען בעזונדער ווארטע-צימער. 5416

צאהן-ארצט

ביטענסקי

20 זגערזשער 20

... קינסטליכע צייהן ... צו מעסיגע פרייזען. *

Dr. Leon Grossman

וואהנט פעטריקויער 88.

טעלעפאן 81-84.

אינערע- און נערווען-קראנקהייטען.

שפרעכשט. פון 9—11 און 4—6.

צווייטע יודישע באנק

די 2-טע לאָדזער יודישע לייה- און שפּאר-קאַסע, פּעטריקויער 38
טעלעפאָן 38-68.

נימט אן מיטגליעדער מיט א בייטראַג (פּאי) פון 30 רובל און גיבט אַרויס הלואות ביז 800 רובל אויף מאָנאַטליכע ראַטענצאָהלונג.

נימט אן איינלאגען!!! אויך נדן-געלדער, און גיבט אַרויס שלישות ע"צ ה"ע, די באַנק צאָהלט פיר געלדער: אָהנע טערמין 4½%, ביז 3 מאָנאַט 5%, ביז 6 מאָנאַט 6% און ביז 12 מאָנאַט 7%. דאָס ביוראָ איז אָפען טעגליך פון 9 ביז 1 און פון 6 ביז 8 אוהר. שבת און י"ט איז די באַנק געשלאָסען. נעהערע אינפאָרמאַציאָנען אין ביוראָ. אַנמערקונג: לויט דעם § 36 און 88 פון אוסטאַוו ווירד אויף די געלדער, וואָס מען לעגט איין אין באַנק קיין ארעסט אנגענאָמען און אלע וויקלאַרען און פּראָצענטען זענען פריי פון אבצאָהלונג אונד סטעמפּעל. פון 1/14 יולי ווירד די קאַסע אויף דער פּעטריקויער שטר. 36 פּראָנט ערשטע עטאַזשע איבערטראָגען.

1182 100 88

פּעטריקויער 36

אין די דעטייל געשעפטען פון
Karl Göppert,
Lodz,

פּעטריקויער שטר. №№ 11, 71 און 145
געפינט איהר
א רייך אסאָרטירטען לאגער פון:
קאַראַקול-מיטצען אויך אימיטאַציאָן.
וועלור-היטען שוואַרץ און פארביג.
לאַדען-היטען אין די שענסטע מעלאַנזשען.
שטייפע און ווייכע היטען
מאָדערנסטע פאַסאָנען.
ספּאָרט-מיטצען פיר הערבסט און ווינטער.
שאַפּאָ-קלאַקס
און צילינדערס.
4408 50 31

העברעאיש דייטש און פּויליש

גרינדליך צו ערלערנען פון דעם מעטאָד דורך 82 אונטערריכטס בריעף בכדי צו קענען לעזען שרייבען און רעדען. נעלדערער די ליטעראַטור, שרייבען און שפּרעכען פּטיל און גרינדליך בעהערשען די גראַמאַטיק. די אונטערריכטס בריעף ענטהאַלטען ליטעראַרישע ערצעהלונגען, געדיכטע, פּובליציסטישע אַרטיקלען, געשפּרעכע, שילדערונגען און בעשרייבונגען, שפּריכווערטער און פראַזען, פּריינדשאַפטסבריעף און האַנדעלס-קאָרעספּאָנדענץ. די גאַנצע גראַמאַטיק גרינדליך און אויספיהרליך אויף א זעהר פּראַקטישען אופן, הונדערטער שרייבאיבונגען א. ז. וו. א. ז. וו. די ערקלעהרונג און איבערזעצונגען זענען פאַר יודיש, מ'ברויכט צו די בריעף גאָר נישט צו קענען, נור יודיש לעזען. פּראָספּעקטען בחנם.
S. Walkowski, Krakau (Galizien)
743 4 4 Postfach 119.

האַרץ-קראַנקהייטען

האַרץ-פערפעטונג, סקלעראָזע פון האַרץ-מוסקולען, האַרצקלאַפּען און קאַרדינאַלע אַסטמאַ, נערפּעזיטעט און ערקרענקונגען פון נערווען-סיסטעם, אימפּאָטענץ און עלטער-שוועכע, ערשעפּונגס-צושטענדע און קאַכעקסיען, ווערען ערפאָלגרייך געהיילט מיט ספּערמינום-פּעל. דאָס איז א טהאַטזאַך, וועלכע איז דורך אונצעהליגע בעאָבאַכטונגען פון די בעקאַנטעסטע קליניקער ווי אויך אין דער ליטעראַטור בעוויזען געוואָרען.
6375

ספּערמינום-פּעל איז דאָס איינציג עכטע און אלוועטיג אויסגעאַרבייטעטע פּרעפּאַראַט. עס איז דעריבער נויטיג שטענדיג צו נעבען אויף דאָס נאָמען ספּערמינום-פּעל און די אונטעריגעליכע באַפּאַקונגען און אינגליכע עטיקעט-אויפצייכנונגען ניט צו נעהמען, ווייל זיי האָבען קיין שום שיכות מיט דער עכטער ספּערמינום-פּעל און ערהאַלט סובסטאַנצען, וועלכע זענען שעד-ליך פאַר'ן געזונד. עס ווערט ווייטער פּריוואַט אמטליך די בראָשורע "די הייל-ווירקונג פון ספּערמין" און די דאָס אינטערעס-סירען זיך מיט אָרגאַנאָ-טעראַפּיע בכלל, בעקומען פּאַר פון 7 קאָפּ. מאַרקען דאָס ניי ערשיינענע בוך "די תהלקרבן-מען פון דעם אָרגאַניזם".

ספּערמינום-פּעל איז איבעראַל צו בעקומען.

Проф. Д-ръ Пель и С-вья
С.Петербургъ
Поставщики Двора Его Императорскаго Величества

איין לאַדען
אויך קעלער אויך בודקע און בעסטען צענטרום פון גרינעם מאַרק פון 1/14 יולי צו פערמיעטען אויך געמויערטע רעמיזען. גרינער מאַרק 47.
8 2 149

איין פּריצען
ווירד אלס באַנגע צו קינדער נעזוכט, ביי ס. ראָזענבערג וואָלטשאַנסקא 45
139 2 2

ל. א. לוריא „UNION"

עלעקטראָ-טעכנישעס ביוראָ
ליכט- אונד קראַפט-אנלאַגען
לאַגער פון מאַטאָרען אונד אַלעם צובעהער. :: מעסיגע פּרייזע.
קאָסטען-אַנשלעגע גראַטיס.
Mikolajewska-Str. № 4, Tel. № 603. 5757 8 7

ווער

5785 20 5

עס וויל געפינען א פּאָסטען אָדער בעקומען וויכטיגע אַרבייטס-פעהיגע פּאַך-מענשען פון ביידער געשלעכטס (פון אלע האַנדעלס-צווייגען), דער זאָל זיך ווענדען נור צו דער

אקציען-געזעלשאַפט
„DZIAŁACZ" "דזיאַלאַטש"
Ksawery Biernacki i S-ka

וועלכעס איז א קאָמוניקאַציאָנס-רעקאָמענדאַציאָנס-ביוראָ 1-טען ראַנגעס, בעשטעטיגט פון מיניסטעריום און קוי-ציאָנירט מיט א האַלבען מיליאָן רובל.
וואַרשוי, מאַרשאַלקאָווסקאַ 68 עק סאַדאָווע טעל. 42-280
די ח"ה אַרבייטס-געבער צאָהלען
קיין שום פערמיטלונגס-קאָסטען.
אויסער דעם ערלעדיגען מיר אלע טראַנזאַקציעס, וועלכע גענען אריין אין אקערבוי-האַנדעל און אינדוסטריע.
Biuro Ksawerego Biernackiego i S-ka.

עקסטראַ טעלעגראַמע!

ערשטע לאָדזער יודישע גאַזאינסטאַלאציע



פון 1/14 יולי ערעפען איך א רייכען אויסוואהל פון פערש. גאַז, עלעקטרישע, פּעטראָלעאום-לאַמפּען, אלעס אין עכטען בראָנז פון ערשטקלאַסיגע אויסלענדישע און אינלענדישע פאַבריקאַנטען ווי אויך זעמטליכע צובעהערע. פערשיעדענע מאַשינעלאַמפּען זאָווי פּערציינע. נעהמע אויך אָן גאַז אינצופיהרען. זאָווי אננאַהמע פון זעמטליכע לאַמפּען-אויסאַרבייטונגען, אלעס צו דען ביליגסטען פאַבריקס-פּרייזען.
האָכאַכטענד יאַקוב רייכפעלד
לאָדז, צעגעלניאַנאַ 28, טעל. 19-81.
5810 20 2

וויכטיג פּאַר אלע !!!

ס'איז שוין לאַנג בעוויזען געוואָרען, אז די אלע ביז-איצטיגע מיטלען אויף צו פערטיליגען מאָלען זענען גאָרנישט ווערט, דען סרוב ווערען די מיטלען באַלד אויסגעוועפּט און די מאָלען האָפּען זיך ווייטער אַרום אין די מלבושים, פעל-צען, וועש, פוטערוואַרג, סחורות א. ז. וו. און מאָלען פון זיי א תל עולם. פרי עבער דאָס צו פערהיטען, און איצט ערפונדען געוואָרען פון א גרויסען דעמישען חעמיקער
א נייע מיטעל געגען מאָלען
וועלכער שטייגט איבער אלע ביז איצטיגע מיטלען, אונטער'ן נאָמען:
„גלאַבאַל"
דאָס דאָזיגע מיטעל איז אזוי פּראַקטיש, אז אין דער קורצער צייט וואָס עס עקזיסטירט, איז עס שוין איינגעפיהרט אין אלע גרעסטע פעלץ-געשעפטען, מאַנופאַקטור-לאַגערס, שניידער-געשעפטען, פּריוואַט-הייזער א. ז. וו. די פּראַקטישקייט פון דעם מיטעל בעשטעהט אין דעם, וואָס מען ברויכט עס ניט צו שיטען אָדער צו גיעסען, נור מען הענגט אויף דאָס שאַכטעל אין לאַגער אָדער אין שאַנק און קען שום מאָל וועט זיך מעהר ניט בעווייזען.
„גלאַבאַל" שפּאָרט איין דאָס איינפּעקלען!
„גלאַבאַל" פערטיליגט אלע מאָלען!
„גלאַבאַל" איז פּראַקטיש און גוט!
„גלאַבאַל" איז די אויסערביימונג פון דער בעקאַנטער חעמישער פאַבריק פּריץ שולץ יוניאָר לייפּציג.
„גלאַבאַל" בעקומט מען בנים פערטרעטער:
5782 8
מ. קרעל, לאָדז, דזיעלנאַ 9 טעל. 28-08

קאָנקורענץ!
פּרישע שמאַנד-פּוטער
צו 48 קאָפּ. א פונט
„ 24 „ ½ פונט
„ 12 „ ¼ „
בעקומט מען פּרישע טעגליך פון די בעסטע קוואַליטעט, ווי אויך אלע מילך-פּראָדוקטען צו זעהר ביליגע פּרייזען נור ביי 187
ח. דיאַמענט, קאָנסטאַנטינער 31.

יאהרעספּראָדוקציאָן 2200 לאָקאָמאָבילען.
Heinrich Lanz, Mannheim.
פּאַטענטירטע הייסדאַמפּף-
לאָקאָמאָבילען
מיט ווענטילשטייערונג „סיסטעם לענץ"

די זיכערסטע, בעקוועמסטע אונד איינפאַכסטע בעטריעבמאַשינע דער געגענוואַרט.
איינצעלליייסטונג פון 10—1000 עפעקטיווע P. S.
פערטרעטער פיר לאָדזער ראַיאָן: 5617 50 9
Brüder Goldbaum
לאָדז, קאַראָלאַ 8, טעלעפאָן 19-25.
געזאַמטפּראָדוקציאָן 30.000 לאָקאָמאָבילען

הייל-אנשטאַלטע

גורנא — ווידזעווער

סיעראַדזקאַ 1 רוג רושנאָווסקאַ.		גלובנאַ 51 טעל. 30-83
12½—1½	ד"ר קערשנער קינדער און אינערע קראַנקהייטען	11½—12½
7—8 „	פריעד אינערע און קינדער-קראַנקהייטען	6—7
3—4 „	ראָזשאַנער הויט און ווענערישע קראַנקהייטען	12—1
3—4 „	טראַכטענהערץ הויט און ווענערישע קראַנקהייטען	2—3
12½—1½ „	גאָלדשטיין-פּאָלאַק אויגען-קראַנקהייטען	11½—12½
6—7 „	לעוויטאַן חירורגיע	7—8
6—7 „	סטאַנקאָווסקי האַלז, נאָזען און אויערען-קראַנק.	7—8
11—12 „	לעיבאָוויטש געבורטס און פרויען-קראַנקהייטען	10—11
דינסטאג, דאָנערשטאג, זונאַבענד.	די ריוזדין	12—1

5763

קאָנסולטאַציאָן 50 קאָפּ.
בלוטאונטערזוכונג (וואַסערמאַן) אמען-אונטערזוכונג, פּאָקען זעצען.
עלעקטריזירונגס-היילונג.

דער ביליגסטער, דער בעקוועמסטער, דער פּראַקטישסטער
פליגענפּאַפּער „קאַקאָ"
פערלאַנגט אומזאָנסט מוסטער אונד פּרייזקוראַנטען פון פליגענפאַנגער פאַבריק
OTTO БРЕДТЪ, Варшава, Фоксаль 17.
5781 8 3 גענעראַל-פערטרעטער פיר גאַנץ רוסלאַנד:
IOCИФЪ ВАРХИВНЕРЪ, Варшава, Фоксаль 71.
מיטנליגע פערטרעטער ווערען איבעראַל געזוכט, עבענזאָ ווערען געזוכט חוזירער אין גייער.

פערשיעדענע
לאַדענשרענקע און בופעטס
נעאַנגנעמט פיר פערשיעדענע בראַנזשען זעהר ביליג צו פערקויפען ביי
M. BERMAN, Petrikauer № 59. 6749

פּאַטענטען

פיר ערפינדונגען, מאָדעלען און שוץ-מאַרקען פאַר אלע לענדער ווערען שנעל ערלעדיגט. שטרענגסטע דיסקרעציאָן. אומזיסטע ראַטען ערטיילט טעגליך פון 3 ביז 4 נ. מ.
ד. נויהויז, פּיעטריקויער 92, וו. 9. טעל. № 18-36
5816 8 3

בעקאַנטמאַכונג.

אין זדונסקאַ-וואָלאַ איז געעפענט געוואָרען א פאַבריק פון
האָלצשוהע און האָלצפּאַנטאָפעל
זאָווי פערקויף פון שוה-העלצער און פּאַנטאָפעל-העלצער.
מעסיגע פּרייזע!
אלס האָלצאינדוסטריעלע זינד די בעסטע קוואַליטעטען אויף לאַגער.
האָכאַכטענד
האַנדעלסהויז דער האָלצאינדוסטריע פון
א. וואַרשאַווסקי, זדונסקאַ-וואָלאַ. 5786 16 5

ספּעציעל פיר 5761 10 7
שטרימפּף-פאַבריקען
שמאָלע לעדער-טרייב-ריעמען בעסטע קוואַליטעט צו מעסיגע פּרייזען אויך אלע ברייטען לעדער און קאַמעלהאַר-ריעמען, גוטע פּרימאַ קוואַליטעט שטענדיג אויף לאַגער ביי
י. סימכאָוויץ, ציגעל-שטר. 56

קודאָווא „צור קראָנע"

5 5
5096

כשר רעסטאָראַנט און לאָזשיר-הויז אנגעטע דער אויפ-וואַלטונג ברעסלויער ראַבינאַט. אַטיליע הידעמאַן. כשר

קאָפּשמערצען, מיגרענע



רעוומאַטיזם און נערווענ-שמערצען טהוט גרינדליך בעזייטיגן
„מיגרענאַ-נערוואָזין"—"Migreno-Nervosin"
צו בעקומען אין אלע אַפּטייקען און אַפּטייק-מאַגאַזינען, א פּראַבשאַק 10 קאָפּ. דער ערש געברויכען: ערוויסשוסען דעם פּראָשעק אויף דער צונג און נאָכטרינקען וואַסער מיט צוקער.
ערינינעלער „מיגרענאַ-נערוואָזין" איז איינציג מיט דער מאַרקע א „האָן" "Kogut" אַבער קיינמאָל ניט אין אָפּלאַטקעס. 5166 61

נעגען האנארייע
(טריפּער).
דאָס נייעסטע מיטעל „סאַלאָ-פּיטשיליך"

היילט שנעל און ראַדיקאַל און לויט די מיינונגען פון די דאָקטוירים ווערט עס נערעכנט אלס א ראַציאָנאַל מיטעל. געברויכס-אנווייזונג אין שאַכטעל, דער עכטער נור אין א מעטאַל שאַכ-טעל צו 1 ר' און צו 1 ר' 80 ק. ווירקט גוט בעי שטאַרקע ווייט אויך בעי חראָנישע פעלדען און בעצומפּונג אין א קורצע צייט די שווערסטע אויסגאַנגען.
סקלאַד: פעטערבורג ראָזשעסט 7 אַפּטייק פון ב. קאַנחיים צו בעקומען אין אלע אַפּטייקען
6229 און אַפּטייק סקלאַדען.
סאַלאָ-פּיטשיליך

MŁODOŚĆ

osiągnąć można, używając
MYDŁA „KONIK" Młodzieńczą, delik. skórę twarzy i rąk otrzymać można napewno i szybko.
Cena 50 kop. za kawałek.
KREM „KONIK" Skórę czerw., szorstką, porow. przemienia w białą miękką i aksamitną.
Z mleka liljow. Tuba 40 kop.
PUDER „KONIK" Zawiera obfitość tłuszczu, jest delikatny, dosk. przylega do skóry, dogodny w użyciu, z pośród wszystkich innych preparatów kosm. jest prawdziwie doskonałym.
Z mleka liljowego. Cena 1 rb. za pudełko.
Sprzedaż wszędzie. Żądajcie tylko w czerw. opakowani
FABRYKI BERGMANN I S-KA, RADEBEUL-DREZNO.
Główny skład na Rosję:
BIURO PREPARATÓW CHEMICZNYCH, PETERSBURG
Małaja Koniuszennaja No. 10.

מצבות

און דענקמעלער אלע נייעסטע און שעהנסטע מאָדעלען און פאַסאָנען פון די בעסטע זאָרטען, גראַניט, מאַרמאָר און זאַנד-שטיינער פערטיגט, שנעל, געוויסענהאַפט און װאָנדערשעהן אים דער בעריהמטער שטיינהויער און סקולפּטאָר
מ. בראָדער, ברעזשינער 142
20 8 563

אין סקלאַד אַפּטעטשנע
10 זאַוואַדסקאַ 10 9649

בעקומט מען א וויכטיגעס מיטעל געגען פערשטאָפּונג, א זייער גוטעס מיטעל געגען נערוועזע און מאַגען-שוואַכע, פּלאַסטער פאַר פרויען, וועלכע לעדען אין פערהערטונג דער ברוסטען און געשווירע, זייף זאַלבע צו קורירען. א וויכטיגעס מיטעל געגען הוסטען ווי אויך געגען שמערצען פון און הענט, א גוטעס מיטעל געגען ווערעם און מאַטען צו פערטיליגען. אויך'ס לאַגער אימער פרישע אויסלענדישע וואַסערן אלע זאָרטען בילדער. טעגליך פרישען קעפיר צו קורירען. אויך גוטע געפּאַסטע אויסלענדישע בויכבינדען און גוטע געפּאַסטע ברוכבענדער צו בעקומען ביי וואַלמאַן זאַוואַדסקאַ 10

אין סקלאַד אַפּטעטשנע
עמפּפעהלט פיר נעגנעצען ווינטער פרישען טראַן, קינדער, וועלכע פערטראַגען נישט קען טראַן ווערד דורך איזון שמאַקהאַפטיגקעס מיטעל ערועצט.

וואַסערהייל-אנשטאַלט
אים סאַנאַטאָריום „אוניטאַס"
פּוסטאַ 11, עקע מיקאַלײַעווסקאַ,
געעפענט פון 7—12 און פון 2—7 נאָכמיטאַג. 5621 16
מאָדערנסטע איינריכטונגען און קאָמפאָרט: דאַמפּף-שאָטישע און אלע אנדערע דושען פון
און זיצבעדער, דאַמפּפבעדער רוימישע און רוסישע.
זאָאָל—פיכטענגאַדעל—שוועפעל און אנדערע בעדער.
קאָהלענזויערע-בעדער עהנע און מיט זאַלץ (נויהיים).
זויערשטאָפבעדער (Ozet). ווייבראַציאָנס-מאַסאַזשע און נעווענליכע מאַסאַזשע. עלעקטרישע—פּיערצעללען און גליחליכטבעדער, עלעקטריזאַציאָן, דיאַטערמיע, ד'אַרסאָנוואַליזאַציאָן, בע-האַנדלונג דער טאַבעס מיט פרענקעל-אַפּאַראַטען.
לונגענגימנאַסטיק פיר אַסטמאַטיקער און עמפיזעמאַטיקער.
מעכאַנאָטעראַפּיע, רענטגענאינסטיטוט.
בעשטראַהלונגען מיט קינסטליכער העהענזאָנע (קוואַרצלאַמפּען).

איז ביי אייך דאָ
ווערם?
פּאַר וואָס דען פּרובט איהר ניט א מאָל דעם בעוואוסטען פּראַשעק
מאָאַק
15 4
דורך זיין הילף וועט איהר מיט א מאָל פטור ווערען פון ווענצען, וואַנצען, פּרוסאַקען, פליען, מילבען, מאָטען א. ז. וו.
עס גיעבט פיעל נאָכגעמאַכטע און עהנ-ליכע שאַכטלען, דעסהאַלב מוזען !! בעאַכטען דאָס נישט געפעלשטער מאָאַק האָט יעדעס שאַכטעל איין בלעכענעם רענדלען און אויפשריפט מאָאַק. 5720

מדרגה, און מען האט איהר שוין גע-בויט העלפען פון הימעל ...

II

אין עס געווען א יום מעונן, א טונ-קעלער פראסטיגער טאג, האט זיך בע-וויזען א ווייסער שניי—אויף דער וועלט א קראקען פון ראבען—אין דער לופט, און בייזע ווינדען בלאזען, און דער אלטער ז"ל שטעהט נאר אויף, וואשט זיך הענד און פנים, הייבט אן ארומ-געהן הין און צוריק, הין און צוריק וויל ברכת התורה זאגען, און פלוצלונג בלייבט ער שטעהן, ווערט בלאסליך, און דער שטערען ווערט שטארק גע-קנייטשט.

שטעהט ער א ווייל'ע. עפעס א קול דממה הערט זיך... און ער ז"ל הערט אוים מיט קאפ, און פלוצלונג גיט ער א זאג:

— אה ווא! אזוי ווייט האלט עס! איך האב דאך נארנישט געוואוסט! און באלד גיט ער צו! — איך פער-זוים נישט...

א פאר מינוט איז ער ארומגעגאנגען פערטראכט, און באלד האט ער גע-הייסען ארייגרופען דעם פוהרמאן זיי-נעם.

לויפט דער פוהרמאן אריין נישט טויט נישט לעבעדיג, און ער ז"ל זאגט:

— טהו אויס דיין קורטקע, דיין בארינקאווע היטעל, מיט די שטיוועל.

פאלגט ער.

— איצט טהו אן דערוויל אנדערע מלבושים, און שפאן מיר די בויד.

פאלגט ער.

פיהרט ער צו די פויר איינגעשפאנט, און ער ז"ל קומט ארויס אנגעטהון ווי א אנטרייבער, זעצט זיך אויף אויף דער בויד, דעם משמש הייסט ער זיך ארייג-זעצען, און גיט א שמיץ מיט דער בייטש און—געפאהרען.

פאהרט מען, דער משמש זיצט און שווייגט, זיין שכל איז עס נישט משיג, נאר אז דער אלטער זיצט און שווייגט, וועט ער געהן פרעגען? און ביי טאג קומען זיי אן אין דעם דארף.

שפרינגט אראב דער אנטרייבער, פיהרט אריין די פויר אין שטאל, און אליין געהט ער אריין אין קרעטשמע.

נחמנ'קע—איז איצט אויפגעשטא-נען, געלייגט זיך מיט'ן טעג צונלייך, דרייבט ער זיך נאך די אויגען, דאס פנים איז איהם מגושם, רויט, און בייז איז ער. די רציחה זירט אין איהם.

לויפט ער צו צום פעסעל, צאפט אן א גלעזעל בראנפען, לייגט עס צו צו די ליפען, ניט ער א שפיי, גיסט עס אוים... געהט צו צום צווייטען פעסעל, צאפט ווידער אן, לייגט צו צו די ליפען, מאכט א גרימאסע, גיט ווי-דער א שפיי — און דאס גלעזעל — א קנאק אין דער ערד...

און דער פוהרמאן געהט צו:—וואס איז עפעס?

נחמנ'קע גיט א בליק מיט די אוי-גען, דערזעהן אבער א פוהרמאן, ווערט ער ווייכער, משלנו הייסט עס:—דער בראנפען ברענט ווי פייער, ווי וויטרע-יאל...

— ני, איך קען דיר געבען פון מיינעם, זאגט דער פוהרמאן—איך האב ביי זיך א פלעשעל י"ש איי-איי-איי, נאר מן המבחר.

נעהמט ער ארויס א פלעשעל פון קעשענע, דערלאנגט מען צוויי גלעז-לעך, און דער פוהרמאן גיסט אן.

וויל דאך נחמנ'קע שוין געבען א חאפ, נאר דער פוהרמאן גיט איהם א קוק אן, און נחמנ'קע ווערט עפעס דערשראקען, קוקט זיך ארום. עפעס ווי ער וואלט מיט א מאל צוטומעלט גע-ווארען, און ווארט.

— וואש זיך פריהער די הענד— זאגט דער פוהרמאן.

נחמנ'קע גלאצט מיט די אויגען, נאר ער ווייסט נישט פאר וואס—ער פאלגט.

—טהו אן דאס היטעל.

נחמנ'קע פאלגט.

— טאר שהכל.

דא וויל נחמנ'קע שוין בייז ווערען, נאר ער דערזעהט די אויגען פון פוהר-מאן, און ער מוז פאלגען.

— ברוך אתה ד' אלהינו מלך העולם — — —

און ווי ער האט נאר געמאכט די ברכה, איז ער תיכף עפעס נאר אנ'-אנדערער געווארען, עפעס ווי ער וואלט זיך איצט אויפגעכאפט פון א שווערען שלאף, און דערזעהן, אז ער האט חרוב געמאכט זיין גאנץ פערמעגען ... בלייבט ער זיצען מיט אנ'אראפגעלאזענעם קאפ, ווערט שטארק בלאס, און אין מח הייבט זיך עפעס אן טראכטען און עס פערקלעמט איהם ביי הארצען, און פלוצלונג. ער ווייסט נישט וואס עס איז מיט איהם געשעהן, און ער צו-וויינט זיך ...

— קום! זאגט דער פוהרמאן, געה אריין אין אנ'אנדער חדר, און נחמנ'קע געהט.

— משה! גיט דער אלטער ז"ל א געשריי צום משמש, מיינע מלבושים.

און תיכף איז ער ז"ל אריין אין אנ'-אנדער חדר, און באלד איז ער ארויס-געקומען אין ספאדיק, אין זיינע אמת'ע מלבושים, און גיט א געה אריין אין חדר ווי נחמנ'קע איז געזעסען.

— ווער זענט איהר? ווערט נחמנ'-קע בלאס.

— איך בין—דער שפאלער זיידע! נחמנ'קע האט זיך צוזאמערט...

———

דער אלטער ז"ל האט איהם ב' ביום ארויסגעגעבען א תשובה, און נחמנ'קע האט אויף זיך מקבל געווען: לערנען אלע טאג משניות לזכר נשמת פון רב ז"ל חיה'לעס פאטער, און ער איז געווארען גאר אנ'אנדערער, געווא-רען בלייבער. שטילער, און צו חיה'לען א גוטער מלאך, קענען איהר קיין הייך ווארט נישט געהערט, פון דעמאלסט האט חיה'לע זיך אויפגעהערט פאר איהם צו שרעקען. געווארען אדרבה צו איהם צוגעבונדען בלב ונפש, און אין א יאהר ארום האט זי א יונגעל געהאט, און איהם א נאמען געגעבען נאך איהר פאטער, וועלכער איז איהר בייגעשטאנען אין איהרע גויסען...

דאס לאנג לעבען

פון יעדען מענשען איז אבהענגיג פון ריכטיגע ערנעהרונג אין די קינדער-יאהרען.

די קינדער-מעהל NESTLÉ

איז אנערקענט דורך די גרעסטע פראפעסארען אלס בעסטע נאהרונג פאר זויג-קינדער און עלטערע קינדער און עס שטארקט די ביינער

ה. דאנילעוויטש.

לוסט און לעבען.

III

לעטשלעך!

עס איז נאכ'ן שעה'ען לאנגען דריפ-נעם רעגען. דער בלויער הימעל האט זיך נור וואס געהאט ווייט ארום אויס-געלייטערט, וואו ניט וואו האט זיך נאך א וואלקענדעל ווי א שטיק ארומ-געריסענע וואטע אומגעשלעפט אין ביסלייכוויז אין לופט צוקראכען, די אונטערגעהענדע זון האט א פייער-פלא-מיגע און א פולע ערגעץ אונטער די מיהלען צווישען די פרוכט-סעדער דורכ-געלויכטען אין די נידעריג פערויבער-טע קיימען, די מיט מאך בעוואקסענע שינדלען אויף די קליינע פויערען-הייז-לעך און א בראנז פערבלאקטע רויט-קייט אבגעגילט און געשפרענקעלט...

די פייגעליך אין די ארימגע נעס-טען אונטער דעכער און בוימער, האב-בען זיך טרילערענדיג און צווישעשער-ענדיג פרעהליך און מונטער אין לופט צוקלינגען אין אלע געמיטהער אויפ-געהייטערט און בעצייבערט און שטי-פענדיג און טאנצענדיג אויף די רינעם און צווייגלעך היכיג און צופריעדען דעם לעצטען פארנאכט קאנצערט אבגע-געבען ...

עפעס האט עס מיך ווי פון שטוב ארויסגעיאגט, און אין די פרייע לופט אויף די נאהנטע פעלדער ארויסגע-לאקערט, עס האט זיך מיר פערגליכט אויפ'ן שמעקעדיגען פייכטען גראז פון זיסען אראמאט דורכנעמען לעבעדיג און לוסטיג ארומשפרינגען און פריי דעם ברוסט-קאסטען אויסברייטען, די לונגען פול אויפעפענען, און פריש און געזונד די זאנגטוגע פערפום-לופט זאנפט איינאטעהמען ...

איך בין איבער זאמד און שטיינער איבער וואסער און בלאטעס געלאפען די גאכען און געסלעך, פלעטער און גריבער אויסגעמיטען. קיין זאך האט מיך אין וועג ניט געקענט אבהאלטען...

לאנג האב איך מיך צווישען די גרא-זען און זימפען א גליקליכער און א צופריערענער אומגעטריבען! ווייט אויס: גאנצע שטיוועל אויף די פיס גע-טראגען ...

איבערראשט און פערבישופ'ט, דעם פרעכטיגען פארבען טויש פון די פער-געהענדע זון אין איהרע פערשיעדענע פארמען און שטריכען נאכגעקוקט. אויף די שוואלבען נעסטען צווישען די בוי-מער אכטונג נעגעבען, ווי קונציג און איילינ זיי בויען זיך די קינדער-וואוי-נונגען איבער. די פויערען און פויערטעס ביים לעצטען פעלד-זאמלען און קאר-טאפעל קאפען ב,וואונדערט, און שפעט פארנאכט א מיעדער און א הונגעריגער זיך צוריק א היים געלאזען ...

די דעמערונג אין נעבעל און דונ-קעלהייט האט מיך ווי ארומגענומען, און אזוי בלענדעניש מיר די אויגען פערשלייערט. לאנג האב איך מיך אין דער פינסטערניש אויף שמאלע וויינ-לעך נידרעהט און נעפלאנטערט ביז איך האב ענדליך קוים אין שמארט אריין געטראפען ...

אויף א ענג ארים געסעל, צווישען צוויי הויכע אבגעשווארצטע פלעטער האט מיך א גרויסער קאליושע בלאטע פערהאלטען און מיר דעם וועג גע-שטערט און פערצוימט, איך האב אין דער גרויער בלויקייט ארומגעטאנצט און מיט די בליקען א טרוקען ארט געזוכט וואס שנעלער די זומפ דורכ-צוקומען און א היים צו איילען...

א האפטע קינדער מיט געזונדע פולע פנים'לעך, די באקען האלב אין פלוי-מען-פאווידלע פון נאכט-עסען אויס-געשמירט, אבגעריסענע אבגעפליקטע מיט בארפיסע פיסלעך האבען זיך הילכיג און געווירער, פון א דערביאיי-גען הויף ארויס, אנגעטראגען און דאס געסעל מיט געלארעם און געלעכטער אנגעפילט, און צוהוליעט...

א נייז. יעהריגער קונדאס מיט א שיינינדיגע ליבליגע צורה איז א שטאלצער פאראוים געגאנגען און ווי א מארשאל זיין מעכטיג און טאפ-פער חיל מוטהיג געמושטערט און גע-פיהרט. מיט כיטרע לויפיגע איינעלעך האט ער זיך א ווילע ארומגעזעה', ווי עפעס א פרעהליכע בעשעפטיגונג אויס-צוזוכען און גלייך זיך צום זומפ גע-לאזען לויפען ...

— קויפט לעטשלעך! לעטשלעך — האט זיך זיין קוויטשיק קול'עכעל איבער'ן געסעל צוטראגען און א דרייס-טער איז ער דער ערשטער אין מיטען קאלוזשע, אריין געטראמפעלט ...

— לעטשלעך! לעטשלעך!—האבען חברה קליינמארג בשמחה'ט זיך צושפרינ-גען און איהם היימליך און בעגוים-טערט אונטערגעהאלטען ...

— לעטשלעך! לעטשלעך! — האט זיך פון פענסטער צו פענסטער נעקיי-קעלט און געקלינגען און טאטע מאמע פערוואונדערטע און מיערע האבען זיך דערוויימערט און פריינדליך איבערגע-ווינקען ...

— לעטשלעך, לעטשלעך! האט זיך ווייט די עבא אין טויזענדער טענער און קלאנגען איבער-געחזר'ט און מיר אין די אויערען לאנג נערוישט און געענגבערט — — —

——————

או איך בין האלבע נאכט אויפ'ן הויף ארונטער האב איך אונטער'ן העל-לען שיין פון די פולע לבנה דעם אלטען שוסטער ביים ווערק-שטעל בע-מערקט, ער איז געזעסען א פערשלא-פענער די אויגען אנגעשטרענגט און א מיעדער מיט'ן האמער עטליכע שטיפש-לעך אין א פאר נייע קינדער-לעטשלעך אריינגעשלאפען! אויפ'ן מארגענדיגען יריד טהתם צו פערקויפען ...

א טיע ער אומעט האט מיך עפעס ווי דורכגעשווידערט און דעם קאפ אויפ'ן ברוסט אראבגעלאזען האב איך שווער אבגעזיפצט און פערצארנט געבליבען...

ארימער שוסטער נעבעך, בחנם דיין מאטערניש און קוואל טאג און נאכט! גליקליכע און געזונדע קינדער דארפען דיינע לעטשלעך ניט האבען...

IV

וואס א גראשען מאכט א מאל אוים.

א דערפרוירענער פון א פרישען הערבסט-פרעסטעל. הונגעריג נאך פון נעכטיגען ניט-זאטען נאכט-עסען, אהן א גראשען-געלר אין טאש איז זלמן ביי דער בעל-הבית'טע זיינע צו מיטאג אריין, נעבען פול געגרייטען טיש זיך ברייטליך א נידער און דאס עסען אומגעדולדיג אבגעווארט.

— געבען זי מיר א גראשען—האט זיך דער קליינער קונדאס אין שטוב צו איהם שטיל אונטערגעגנב'עט און מיט א תחנינים'דיגע שטימע איהם אויף צוקערלעך קויפען געבען ...

אנ'אנדער מאל האט איהם זלמן אויך נישט שטענדיג געגעבען נור איצ-טער וויל דאס בייטעלע זיינס איז איהם פוסט און ער האט אויך דאס מיטאג ניט באלד צו בעצאהלען, איז ער ווי פערשעהמט געווארען און זיין ארים-קייט ניט ארויסצוגעבען איהם געבען זיך שטעהן געלאזען ניט אומצוקוקען זיך אויף איהם און ניט אבצוטרייבען...

— געבען זי מיר א גראשען—האט דער קונדאס אין דעם א שעת-הכושר דערפיהלט און נאך דרייסטער צו איהם צוגעשטאנען.

א פערטומעלטער האט זיך זלמן פון איהם מיט'ן עלענבויגען פערשטעלט און דעם ביסען ברויט קוים געקענט אראב-שלינגען...

די בעל-הבית'טע האט זיין פערלע-גענהייט בעמערקט ווייזט אוים און האט איהר זוהנדעל גוט אויסגעפאטשט און אונטער'ן טהייער ארויסגעווארפען; זאל ער מיט זיינע מעשים קיינעם דאס מיטאג ניט פערשטערען...

מיט פערלאפענע אויגען פול רחמנות וואס ער האט דעם קליינעם אזוי פיעל אומזיסטע יסורים פערשאפט האט ער קוים בעוויזען דאס פלייש אויפ' צועסען, זיך ענטשולדיגט פאר'ן חוב וואס ער האט געמאכט און פון שטוב ארוים דעם קליינעם מיט וואס ניט איז אי צערבעטען...

אין היזווינקעל נעבען פענסטער איז דער שנץ געלענען צוגעפנדרעהט אין דרייען מיט פערביסענע ליפען און דאס אומעטיגע פנים'על די אויגעלעך פול טרעהרען איהם רחמנות'דיג צוגעווענדעט...

ווען זלמן האט זיך איהם דערנעהנ-טערט האט זיך דער קליינער איינגע-שטעלט איהם די האנד אויסגעשטרעקט דעם גראשען צובעקומען... זלמן האט זיך קענען איהם שולדיג געפיהלט און ניט האבענדיג מיט וואס איהם צופער-גלעטען האט ער איהם ליעבליך ארום גענומען געוואלט איהם הארציג די פער-וויינטע פורפור בעקעלעך אויסקושען...

דער צוציק האט זיך אבער בייזלעך אוועקגעדרעהט דאס פנים און די הענר פערגראבען צום וואנד אין ווינקעל זיך פערטוליעט און מיט די פיסלעך איהם פון הינטען אוועק געקאפעט און ניט צוגעלאזען...

דאס ערשטע מאל אין זיין לעבען איז זלמן געוואהר געווארען; וואס א גראשען מאכט אמאל אוים!...

— — — — — —

די טעג האט זלמן זיין כלה צום באהן בעגלייט און ווען זי איז שוין אין וואגאן געזעסען און נאכ'ן צווייטען קלינג זיך נאך אלץ צו איהם ליעבליך אין טיר בעוויזען מיט איהם זיך הארציג צו געזעגנען און צום לעצטען מאל צו קושען, ביידע האבען זיך שוין אין אומארמונג געהאלטען...

פלוצלונג האט ער בעמערקט אין בלאסק פון ברענענדען לאמטער א בלישטשענדען גראשען אויפ'ן פלאטפארם פאלען, ער האט זיך געקושט, פון איהרע קלאמערן אויסגעפלאנטערט און גיך דעם גראשען אויפגעהויבען...

דער לאקאמאטיוו האט דעם לעצטען פייף געגעבען און די וועכטער האבען די טירען צוגעקלאפט און מעהר איהם צו איהר ניט צוגעלאזען...

ער האט קוים בעוויזען פון ווייטען מיט'ן הוט איהר דעם אדיע צוזאגען, און ביי איהם ער דעם גראשען אין וועסטען-טעשעל פערשטעקט און מיט די ציין געקריצט:

— וואס א גראשען מאכט א מאל אוים!...

מיט דעם כרמל-וויין „ברזל" האב איך מיך בענוצט ביי קינפעטארענס מיט א זעלטענעם אונגלויבליכען ער-פאלג, אלס קרעפטיגענם מיטעל אבצו-היטען די בלוטשטירצע און צו פער-קלענערען די היץ.

8 609 דאקטאר רייך.

ב. שאפיר.

דער געפאלענער.

אין שטאדט-וואג האט מען געפאקע-וועט וואהל אין לייבטוכער (אזוינע גרויסע זעק). די סוחרים האבען צוגע-קוקט ווי אליה דער שטומער קוועטשט אן מיט זיינע געזונטע פיס דעם לייבטוך און ווי זיי האבען זיין גבורה בעוואונדערט.

ווי דער לייבטוך געהט עס ארוים פון אונטער זיינע פיס אזוי גלאט, קיילעכיג און הארט ווי א שטיין. א אמת'ר גבור.

אזא גוט אנגעפאקעוועטער לייבטוך וואהל וועגט פון אכצעהן ביז צוואנציג פוד ווען מען האט א זעלכע עטליכע גרוי-סע שווערע זעק פון וואג-הויז ארוים-געקייקעלט, אויפצולייגען זיי אויף וועגען—האט איינער פון די סוחרים מיט גדלות-א זאג געטהון צום ביאליסטאקער:

— איהר מיינט אפשר, אז אונזער שטומער הונר וואלט ניט ארויסגעטראגען איינער אויף זיינע פלייצעס אזא לייבטוך:

— א בעלן געווען צו זעהען,—האט דער ביאליסטאקער געענטפערט.

— אני, נעצעל, גיב עס איהם נאר אויף, ווי דו קענסט! — זאגט דער סוחר צו א צווייטען פאקער.

נעצעל העגרט זיך צו דעם שטומען מיט דו הונר:

— ער—וויזט ער אן אויפ'ן ביאלי-סטאקער—מע, מע, זאגט, אז דו אויף די פלייצעס אט דאס דא, נ"ן .. בשום אופן ניט...

אליה דער שטומער פערשטעהט שוין וואס מען מיינט; זיינע אויגען געבען א גלאנץ מיט צוויי פייערלעך און ער גיט א הויב דעם קאפ צו געצלען, ס'הייסט: מאכער, פרוב נאר דו!

— איך, ווייזט געצעל—נ"ן! דו ביזט א זעלבע, צוויי קולאקעס"—גע-זונר... א יא! — ווענר זיך געצעל צו די סוחרים.

„מם, מם!"... שאקלען זיי מיט די קעפ. נאך ווי אזוי געזונר! נו, ווייז א בריהשאפט!

אליה דער שטומער גווירערט זיך, גרויסט זיך, גיט א וויי אויף א לאנטוך און א שפיי אן דער זייט, ס'הייסט: איך טיר א קונץ.

„עפע!" פערהאפט ער זיך, א דרעה געבענדיג מיט'ן קאפ. „עפע!" און ער ווייזט, אז מען זאל פריהער אבצעהלען אויף דער האנד...

— מען זאל איהם איינלייגען אויף בראנפען, וועט ער טראגען—גיט גע-צעל צו פערשטעהן דעם ביאליסטא-קער.

— איך!—מאכט דער ביאליסטא-קער צו אליה'ן—ביי מיר האסטו!

— גוט!—שאקלט אליה מיט'ן קאפ,—איהם גלויבט ער.

אלע זענען אריין אין וואג-הויז, עט-ליכע מענשען האבען אויפגעשטעלט א לייבטוך, וועלכען אליה האט גלייך ארומגעחאפט מיט א שטריק, אינטער-געשטעלט די פלייצע און זיך אוועק-געשטעלט פעסט אויף די ברייט צו-שפרייטע פיס. נאכדעם האט ער אזוי ביידע עקען שטריק אויף די אקסלען ארויפגענומען, אויפ'ן הארצען זיי דער-קניפט בעשפיגען ביידע הענר און מיט אלע כוחות א הויב געטהון,, דער לאנ-טוך ליגט שוין אויף זיינע פלייצעס. א קליינע ווייל'ע איז ער אזוי געשטאנען איינגעבויגען, ניט קענענדיג זיך א ריהר טהון פון ארט...

נאר אט, האט זיך זיי רעכטער פוס פון דער ערד אבגעריסען און א שפאן געטהון פאראוים; נאך איהם האט זיך א שלעפ געטהון דער צווייטער פוס...

די סוחרים, וואס האבען מיט ער-וואונדערונג נאכגעקוקט אליה'ן, האבען שוין נאר געזעהן ווי א גרויסער גרא-בער לאנטוך בעוועגט זיך און ריקט זיך פאמעליך אין דרויסען ארוים דורכ'ן טויער...

— א קריינק איהם אין די ביינער! א מין גבורה.

— ווי געפעלט אייך?

— איך האב דאך פריהער געזאגט.

— יא, יא, איהר מעגט זיך בעריה-מען מיט איהם—האט בעמערקט דער ביאליסטאקער.

„אך!"—האט זיך פלוצים פון אלע-מענס הערצער א געשריי ארויסגעריי-סען; דער גרויסער, גראבער לאנטוך האט זיך אזוי געהערינג פאמעליכען פלוצים געגעבען א ליינ אויף דער ערד און פון זיינע ביידע זייטען האבען זיך א פאר אויסגעשטרעקט, פיס בעוויזען...

דער גאנצער עולם האט זיך א ווארף געטהון צום לייבטוך איהם אבצעוואר-פען אן א זייט. אליה איז געזעסען מיט די פיס אין די זייטען צו שפרייט, דעם קאפ צו דער ערד צוגעפלעטשט. מען האט איהם גיך אויפגעהויבען און ארייגגעטראגען אין וואג-הויז.

— וואסער! דערלאנגט וואסער! — האט עמיצער א געשריי געטהון. און דערוויילע האט מען גענומען איהם ריי-בען די שלייפען און איבערבונדען מיט א טיכעל א האנר.

א צווייטער האט איהם די הויזען אבי-געשפיליעט...

„נו, וואס"! האבען אלע מיט שרעק א פרעג געטהון.

— ראכט זיך אין ארדנונג... האט יענער געענטפערט.

ווען אליה האט די אויגען געעפענט איז ער שוין געווען איינגעטונקען א נאסער פון דער וואסער, וואס מען האט אויף איהם געשפריצט. מיט א צעטומעלטען בליק האט ער זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען און דערזעהענדיג ארום זיך די אויף טויט איבערגעשראקענע סוחרים, האט זיך אויף זיין בלאסען פנים א פער-וועהטאגטער שמייכעל צוגאסען, מיט א נעפאלענעם שטאלץ האט ער מיט דער האנד א מאך געטהון ס'הייסט; עס נא-רישקייטען... ער האט אנגעהויבען דער-ציילען דעם עולם, אז ער איז ניט שול-דיג אין דעם פאל, אז ער האט זיך אויסגעגליטשט, אט אזוי... און ווילענ-דיג בעווייזען מיט'ן פוס ווי אזוי ער האט זיך א גליטש געטהון; האט ער דערשפירט, אז ער קען דעם פוס פון ארט ניט רירען... ער איז פלוצים נאך בלאסער געווארען, קאלטע טראפענס שווייס האבען אויף זיין שטערען ארויס-געזעצט און א קרעכץ, ווי ביי אנ'אקס פאר'ן קוילען, האט זיך ביי איהם פון הארצען ארויסגעריסען.

— א מעשה א מעשה! — האט איינער פון די סוחרים געווארטשעט.

— געה רעכט זיך.

— פון אזעלכע וועטעכצען קומט קיינמאל קיין גוטס נישט ארוים.

— מען וואלט איהם אפשר א היים אבפיהרען, א דאקטאר רופען.

— נעהמט איהם אויפ'ן וואגען!

און ווען מען האט אליה'ן צום וואגען געטראגען, האט ער פון יענער זייט טויער פלוצים א וויין געטהון מיט דער האנד אויף דער ערד, וואו ס'איז געלי-גען א שטיק עפעל-שייל;כץ...

— איבער דעם. ווייזט ער, האט ער זיך אויסגעגליטשט האט געצעל אויס-געטייטשט זיין ווייז מיט דער האנד.

נאך דער מעשה איז אליה גאנצע צוויי וואכען פון שטוב ניט ארוים, אפט מאל פלעגט נעצעל קומען צו איהם געוואהר ווערען, און אליה האט זיך ביי איהם נאכגעפרעגט וואס מען רעדט, וואס מען זאגט דארט אין מארק אויף איהם?...

אין דער זעלבער צייט האט זיין על-טער פאטער איהם אפט געשטראפט, שאקלענדיג מיט'ן אלטען קאפ, און איהם געווייזען, אז דאס האט איהם דער „וואס אויפ'ן הימעל" געשטראפט דערפאר, וואס ער איז א צלם, א גוי הייסט עס; און אויך דערפאר וואס ער האט ניט א „פיערעל מיט איין האנד איבער דער צווייטער" ס'הייסט; חתונה.

— יא, יא,—האט דערביי די שטיעף-מוטער צוגעשאקלט מיט'ן קאפ—דער, וואס אין הימעל דארט, וועט דיך קוי-לען און בעגראבען אין דער ערד, אט רא דא טיעף, טיעף! האסטו געהערט אזוינס: א בחור זאל ניט וועלען חתונה האבען...

— אמת, אמת—שאקלט דער פא-טער מיט'ן קאפ און פרענט ביי איהם מיט די הענר:—ווער ביזטו, זאג מיר! ניט דו וויקעלסט ארום דער האנר; ניט דו נעהסט א הון, וואו מען קוקט אריין אויף די הענר. אין סידור; דא אין דער היים שאקלסטו זיך אויך ניט, ניט דו גיסט וואסער אויף ביידע הענר, ווען דו הויבסט אויף דעם קאפ פון דער האנר אין דער פריה; ניט ווען דו נעהסט קיין אם, אם—א הונר מיט אויערען, וואס מאכט האוו, האוו, ביזטו און נעגונג טמא!

אליה קוקט צו, וואס מען רעדט צו איהם שמייכעלט און שאקעלט מיט'ן קאפ איראניש אבמעלע, ווי ער וואלט זאגען דערמיט: „לצים וואס איהר זענט".

דאס איז אבער נאר געמאכט אזוי צולייעב דעם, כדי די עלטערן זאלען זעהן און מיינען, אז ער, אליה שרעקט זיך ניט איבער פאר זייערע שטראף-רייד און אויך אפילו ניט פאר דעם, וואס דארט אויבען איז, מיט וועלכען זיי סטראשען איהם אזוי...

ביי זיך אין הארצען אבער איז אליה מודה, אז די אלטע האבען רעכט; ער אליין האט שוין ניט איינמאל דערפון געטראכט: אז דער „וואס אויבען" וועט אמאל אין כעס ווערען אויף איהם און וועט איהם אין דער ערד אריינלייגען, נאך איידער ער וועט בעווייזען זיך ארומצוקוקען, וואו ער איז געווען אין דער וועלט.

פלוצים גיט ער א ביזען רעהע און ווייזט דעם פאטער, ער זאל אוועקגעהן פון איהם, צו רוה לאזען...

— און דו—גיט ער א בייזען מאך מיט דער האנר צו דער שטיעף-מוטער —געה, פארנעהם זיך פון די אויגען!

ער האט אליין אויך „א פיינער צום שטערען", א קאפ הייסט עס, און ער פערשטעהט אליין גוט, וואס ער האט צו טהון. אט אזא הא, ביי דער ערד, א קינר איז ער, וואס! עמע! געהט אייך!

און ביידע אלטע לאזט נעהען אוועק פון איהם: ער—מארטשענדיג עפיס, און זי—שעלטענדיג דעם שטומען מיט טויטע קללות.

(ענדע קומט).

בלומען.

(בערלינער סקיצע)

— פון —

אברהם רייזען.

דאָבין, א געבוירענער אין טראָקי, ווילנער גובערניע, געעקסטערנעט אין טובאלק, אַטעסטאַט בעקומען אין קאָוונאָ — האַלט שוין בײַ'ן ענדיגען דעם מעדעצינישען פאַקולטעט אין בערלין. ער האַלט שוין בײַ'ן שרײַבען די דיסערטאַציע. אזוי ווי ער איז א געוועזענער תלמודיסט, און איצט א נאַציאָנאַליסט, האט ער בדיעה צו נעהמען אלס טעמע: די היגיעניע און דער תלמוד...

אָבער האָטש די דיסערטאַציע איז נאָך ניט אָנגעהויבען, דרוקט ער שוין אויף זײַנע וויזיטקאַרטען Dr. med. Boris Dobin Berlin. די צווישען סטודענטען, זײַנע קאָלעגען ריזיקירט ער ניט צו ווײַזען די דאָזיגע וויזיטקאַרטע, פאַר זיי האט ער אַנ'אַנדערע, וואו ס'איז בלויז געדרוקט סטודענט מעדיצין.

די קאַרטע מיט'ן טיטעל־דאָקטאָר פערטײלט ער צווישען די רוסישע יודען, זײַנע פרײַנד און בעקאַנטע, וואָס פאָהרען דורך א מאָל אין בערלין.

— שוין, הײַסט עס, א דאָקטאָר? קוקט איהם אָן דער פרײַנד זײַנער פון רוסלאַנד.

און דאָבין שמײכעלט צופריעדען און ענטפערט:

— געוויס געשוויצט — שוין צײַט!

דער עיקר אָבער איז ער אויסען מיט דער „נײַער־וויזיט־קאַרטע" א רײַכען שדוך.

דאָבין איז שוין לאַנג „צום שכל געקומען" — ווי ער אַלײן דריקט זיך אויס און קוקט אויף דער הײַראַט מיט די זעלבע אויגען ווי אויף א דיפּלאָם. די הײַראַט וועט איהם פערזאָרגען מיט א קאַפּיטאַל צו קענען אײַנאָרדנען זיך און דער דיפּלאָם וועט איהם געבען דאָס רעכט אויסצונוצען פאַציענטען...

ליעבע איז נאָר פאַר דער סטודענטען־צײַט. ער האָט שוין גענוג געליעבט, אפילו איצט ווען ער איז שוין אזוי ערנסט־געשעפטליך געשטימט האט ער נאָך צו טהון מיט א „שאַץ", טאַקי די טאָכטער פון דער ווירטין, וואו ער האַלט א צימער, די אַכצעהניעהריגע לענא.

אָבער קײן לאַסט פאַר איהם איז זי ניט. זי ווײס אַלע זײַנע פּלענער און זי אַלײן ראַט איהם צו נעהמען א כלה מיט מעהר געלד.

א גוט מײדעל די דאָזיגע לענא!

זי באָרגט איהם א מאָל, פאַר'ן ערשטען עהדער ער בעקומט דאָס ביסעלע געלד, וואָס ער קריגט פון דער הײם, איבּריגענס, נישט פּינקטליך.

———

אבראם וולאדימיראָוויטש מאנעוויטש, איז אײַגענטליך א געבוירענער אין טראָקי, נאָר אזוי ווי ער האט בעקומען א פערוואַי־גילדע וואוינט ער שוין א יאָהר פינפצעהן אין ראָסטאָוו נא דאָנו, און פאָהרט יעדען זומער קײן קיסינגען.

די לעצטע פאַר יאָהר נעהמט ער מיט זײַן טאָכטער מאַניע, א מײדעל, וואָס איז נאָך יונג אָבער ראוי צו א שידוך.

חתונה האָבען אָבער דורך א שדכן וועט זי זיכער ניט, דערצו האָט זי צופיעל טורגעניעוו'ן געלעזען. דער אַלטער אבראם וולאדימיראָוויטש מאנעוויטש פערשטעהט דאָס און אזוי ווי ער איז א ליבעראַלער מענש, וועט ער זײַן טאָכטער חלילה ניט צווינגען.

נאָר עס זאָל זיך אונטערדרוקען עפּעס א קלוגער יונג א דאָקטאָר, וואָלט געוועזען ווי געווינשען.

ער האט גאָרנישט געגען פערליעבען זיך, אָבער אין א דאָקטאָר קען מען זיך אויך פערליעבען.

אמת, ער צעהלט אָב דערפאַר צוואַנציג טויזענד. אָבער דערפון דאַרף מען דאָך הויך נישט רעדען. מען קען דאָס מאַכען בשתיקה: דו, דאָקטאָר, פערליעב זיך און דערפאַר וועסטו בעקומען צוואַנציג טויזענד.

פון דעם דאָזיגען סוד האט דאָבין ערפאַהרען.

דאָבין האט זיך מיט זײַנע לאַנדסלײַט אינטערעסירט, בפרט מיט אזא לאַנדסמאַן, ווי מאַנעוויטש, וואָס האט א טאָכטער און צום גליק מאַכט ער אויף איהר אַנ'אײַנדרוק.

זי ברויך נאָר נישט צו מערקען זײַן מײן...

דאָבין קען צו גוט דעם דאָזיגען טיפּ.

מיט דעם ערשטען שפּאַציער אין „טיער־גאַרטען" האט ער שוין א קלײן ווינקעלע אין איהר האַרץ געוואונען.

— איהר ווײסט און וועמען איהר זענט ערהנליך?

זי האט אויסגעשטעלט איהרע אויגען אויף איהם און נײַגעריג געוואַרט.

— צו אַסיא'ן...

— אך, צו טורגעניעוו'ס אַסיא'ן! האָט זי מיט פײַכטע אויגען פאַר פרײַד אויסגערופען און האט איהם אָנגעקוקט מיט דאַנקבאַרקײט און פרײַנדשאַפט.

— ווירקליך — האָט זי געפליסטערט — מיר דאַכט זיך מאַנכעמאָל, אז איך בין איהר שאָטען...

— נישט איהר שאָטען! איהר זענט אַסיא אַלײן! האָט דאָבין מיט אַקטיאָרישער פעהיגקײט געשפּיעלט זײַן ראָל...

זי האט זיך דערפיהלט אזוי גליקליך, אז זי האט בעקומען דרײַסטקײט און זי האט דעם „דאָקטאָר" דאָבין גענומען אונטער'ן אָרים און שטיל געמורמעלט:

— קומט א הין... דאָרט זענען אזוינע שײנע בלומען...

* * *

הײַנט אַכט א זײגער איז ער אײַנגעלאַדען פון פאָטער און פון איהר צו קומען צום נאַכט־מאָל...

דאָס געשעפט איז ווי זיכער געמאַכט ער מוז בלויז האָבען א „מאַרק" קאַפּיטאַל אַרײַנצולעגען אין דעם דאָזיגען געשעפט.

ער מוז איהר ברענגען בלומען. אָבער ווי אויף צו להכעיס האט ער הײַנט קײן גראָשען געלד ניט.

קוים א פּאָר גראָשען צו פאָהרען.

און די קאָלעגען זענען אַלע אויסגעבײַטעלט.

עס איז פאַר'ן ערשטען!

אך, ווען ער בעקומט נישט קײן מאַרק, פערשפּילט ער צוואַנציג טויזענד רובל, 45 טויזענד מאַרק!

און אַט איז שוין האַלב אַכט...

און דער מאַרק, בלומען צו קויפען איז ניטאָ און ניטאָ.

ער האט שוין געבעטען בײַ דער הויז־פרוי.

האָט זי איהם ענטזאָגט. און דאָ איז די צײַט אזוי קורץ.

דאַרף מען געהן זוכען לענא'ן אפשר האָט זי.

ער לאָזט זיך געהן צו דער ריכטונג, פון וועלכען זי דאַרף אָנקומען פון וואַרען־הויז, וואו זי איז א פערקויפערין.

ער איז אײַנגאַנצען אויפגערעגט און ערשיטערט.

דער ווײַזער פון א רעקלאַמען־זײגער, ווײַזט שוין צעהן מינוט צו אַכט.

צום גליק בעמערקט ער פון ווײַטען לענא.

ער לאָזט זיך געהן זעהר שנעל.

ער בעמערקט זי שוין. זי שמײכעלט אזוי פרײַנדליך. אין האַנד האַלט זי א שמאָלע לאַנגע זאַך פערוויקעלט אין א ווײַס פּאַפּיער.

— לענא!

— הערר דאָבין! זעהן זי, וואָס איך האָב בעקומען!

און זי בעווײַזט איהם א שענעם בלומען־קראַנץ.

דאָבין גלאַנצט אויס פאַר איבּערראַשונג זײַנע אויגען.

לענא מײנט, אז ער איז אײַפערזיכטיג, זי בערוהיגט איהם:

— נישט פון א „שאַץ" — פון א חבר'טע — בײַ גאָט! ענדיגט זי מיט א הײסער שבועה.

דאָבין איז פון קראַנץ נאָך אַלץ איבּערראַשט, אָבער באַלד קומט ער צו זיך, בעטראַכט איהם שוין רוהיג און ווערט ענטציקט: מיט דעם קראַנץ וועט ער זיכער געווינען דעם גרויסען געווינס — צוואַנציג טויזענד!...

ער פערוואַנדעלט זיך אין אַנ'אַקטיאָר און הויבט אָן צו שפּיעלען:

— לענא! רופט ער זיך אָן בײז — דער קראַנץ איז פון א „שאַץ"! איך וועל עס דיר ניט פערגעבען.

— בײַ גאָט, פון א חבר'טע — שווערט לענא מיט האַרץ.

— איך גלויב דיר ניט! זאָגט דאָבין און ציהט אויף זיך אָן א שטרענגקײט.

— מיט וואָס קאָן איך דיר איבּערצײַגען? פרעגט לענא כמעט ווי מיט טרעהרען.

— גיעב מיר אוועק דעם קראַנץ — דאַן גלויב איך דיר.

לענא קוקט אָן מיט ליעבע דעם קראַנץ, נאָכדעם דאָבינ'ס בײזע געזיכט און ציהט איהם אויס מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען, דעם קראַנץ.

— איצט גלויב איך דיר... שטאַמעלט ער פאַר פרײַד, א דאַנק!... איך בין זעהר פערנומען... אדיע, לענא! איך מוז שנעל לויפען...

און ער לאָזט זיך מיט די בלומען צו מאַנעוויטש'ען, צו „אַסיא'ן", צו די צוואַנציג טויזענד...

ב. עפּעלבוים.

דער פוהרמאַן.

(חסידיש).

I

אין נאָר א גרויסען כח האָט דער אלטער ז"ל געהאַט בעיניו: פאַר זײַן קוק — מי יכול לעמוד? דעם גרעסטען רשע האָט דאָך זײַן בליק מכניע געמאַכט און געבּרענגט צו א הרהור תשובה, דעם גרעסטען חוטא, וואָס איז שוין געווען משוקע אין די מ"ט שערי טומאה רחמנא ליצלן — האָט זײַן בליק מעורר געווען, איהם דערמאָהנט אין זײַן שורש, און זײַן נשמה האָט במילא בעקומען אַנ'עליה...

און פון דער מעשה — האָבען דאָך קינד און קײַט געוואוסט!?

אין א דאָרף האט א מאָל א קרעטשמער געוואוינט, האט ער געהאַט א זוהן איז ער א גרויסער בור געווען, או! דאָס איז דאָך שוין א כלל: אין בור ירא חטא, איז ער טאַקע א גרויסער חוטא געווען, שטענדיג געשכור'ט און געזויפט, זיך אַרײַנגעלאָזט אין די הבלי עולם הזה, און כידוע: עבירה גוררת עבירה, האָט ער געזוכט אין די טומאת רח"ל פון טאָג צו טאָג, זיך מתחבר געווען מיט די בנות כזבי'ס... און עובר געווען כל עבירות שבעולם.

ולו — און צו דעם בור איז געווען א ווײַבעל, א אשה כשרה וצניעה, געשטאַמט פון גאָר גרויסען יחוס, א רב'ס א טאָכטער.

ווי קומט עס? גאָר פּשוט:

איהר פאָטער — א רב אין א שטעדטיל געווען, לעת זקנתו — איז זי געבוירען געוואָרען, די מאַמע איז פון קינדבעט קראַנק געוואָרען, געלעגען א פּאָר טעג, אָפּגעזאָגט ודוי, און מוסר געווען איהר נשמה צו גאָט ברוך הוא און דער אלטער רב — די צרות נישט געקענט איבּערטראָגען, נפשו קשורה בנפשה, האט ער אויפגעהערט צו עסען, א חלש איז ער געווען, און — נישט דורכגעגאַנגען א האַלב יאָהר — ויפול למשכב, אָפּגעלעגען א פּאָר וואָכען געזאָגט ודוי, ונשמתו עלה אל אלהים...

האָט זיך די יתומה געהאָדעוועט אין פרעמדע הײַזער, דאָ געגעסען א טאָג, דאָ געשלאָפען א נאַכט, איז אויסגעוואַקסען א בלײַכע, א קראַנקע, שטעדטעל געוואָלט פון איהר פּטור ווערען. דערווײַל זיך געמאַכט דער שידוך, דער אלטער קרעטשמער האָט יחוס געוואָלט, האָט שטעדטעל געטהון, זיך צוזאַמענגעלעגט און חתונה געמאַכט, און זי איז געוואָרען דעם קרעטשמערס שנור...

האָט דער אלטער קרעטשמער נאָך געלעבט — איז געווען האַלבע צרות, האָט ער איהר אָבגעהיטען ווי א אויג אין קאָפּ, דער יונגער איז נאָך געגאַנגען בדרך הישר, נאָך געדאַווענט דרײַ מאָל אין טאָג, זיך אָבגעהיטען פון דברים האסורים, און דאָס ווײַבעל האט זיך אַרומגעדרײט א שטילע, א בלאַסע, שטענדיג די אויגען צו דער ערד, האָט זי דעם מאַן דערזעהען, איז איהר דאָס לעצטע ביסעל בלוט אין פנים געקומען, דאָס האַרץ איז איהר ענטפאַלען, אָנגעהויבען קלאַפּען ווי מיט האַמערס, עפּעס פלעגט זי זיך דערשרעקען פאַר איהם, יענער איז אזא הויכער, מיט אַזעלכע ברײטע פּלײצעס, אַז ער געהט — הילכט עס, די פּאָדלאָגע ציטערט, און זי — אזא שוואַכינקע, אזא דאַרע, קוים וואָס מען דערהערט איהרע טריט אזוי זי פלעגט פערזאַפּלען. איהם דערזעהענדיג, און דעם וועג איהם אָבּטרעטען.

פלעגט זיך טרעפען.

בײַנאַכט, אין מיטען נאַכט, אין שטוב איז שטיל, אַלע שלאָפען שוין, דורכ'ן פענסטער'ל שײַנט אַרײַן א העלקײַט, דער שנײ בלאַנקט, א ווינד בלאָזט, א פּאָסטקײַט וועהט, משוגה'דיגע קולות רײַסען זיך, און אין שטוב ליגען אַלע אײַנגעדעקט, און פּלוצלונג, דערהערט זיך געוואַלד, איהר קול, דאָס ווײַבעל שרײַט... חאַפּט זיך אויף דער אלטער, לויפט אַראָב, עפנט די טהיר פון איהר חדר, צינדט אָן פײַער, און זי ליגט אין בעט מעהר טויט ווי לעבעדיג... דאָס פנים'על בלאַס ווי קרײַד, האָט מורא די אויגען צו עפענען, טוליעט זיך אין איבּערבעט...

— חיה'לע וואָס איז דיר? וואָס איז געשעהן חיה'לע? בעט זיך דער אלטער.

— איך האָב מור־א־א־א! — ברומט דאָס ווײַבעל.

און אין אַנדערען בעט, ליגט אויסגעצויגען נחמנ'קע, דאָס גאַנצע בעט איז פול מיט איהם, דאָס פנים רויט, צוקאַכט, אַטעמט הויך און שרײַענדיג: חראָפּעט פאַילו לא ידע, גלײַך ער וואָלט גאָר נישט געהערט...

וואַרפט דער אלטער א בײזען בליק צום זוהן, מורמעלט עפּעס נישט פערשטענדליכע ווערטער, און בלײַבט זיצען נעבען איהר בעט.

חיה'לע ליגט און ציטערט, די צײן — דא לדא נקשן. דער גאַנצער גוף טרײַסעלט זיך, און דער אלטער בערוהיגט איהר אזוי לאַנג ביז זי שלאָפט אײַן.

אזוי געציטערט האט זי פאַר דעם מאַן...

לעבט דאָך אָבער קײן מענש נישט אײביג, קומט די צײַט, און דער אלטער קרעטשמער שטאַרבט אָב.

ווערט שוין נחמנ'קע אַלײן בעל הבית, און דאָס ווײַבעל בלײַבט עלענד, ווערט בלײַכער פון טאָג צו טאָג, ציטערט ווי א עלענד שעפעלע.

און דער נחמנ'קע מאַכט קולות, עפּעס מאַרנע נעמען האָט ער אויף איהר אויסגעטראַכט, „צוקראָכענע בריה" „רבנישע לעמעשקע" שרײַט און מאַכט געוואַלדען, און דאָס ווײַבעל זיצט אײַנגעקאָרטשעט אין ווינקעל, האָט מורא דאָס מויל צו עפענען.

דערבײַל ווערט נחמנ'קע א הפקר־יונג, קײן טאַטע איז שוין אויך נישטאָ, פאַר וועמען זאָל ער מורא האָבען? ווערט ער א שכור, הויבט אָן הוליען און זויפען, קומט שוין נישט א הײם האַלבע נעכט... און אז ער קומט שוין א הײם איז ער טויט שכור, הויבט ער אָן שרײַען, נעהמט דאָס ווײַבעל ווײנען ווערט ער אין רציחה, הויבט ער אויף א האַנד, ווערט א ליאַרם חאַפּען זיך אויף די שוועסטער זײַנע — ווערט א געשלעגערײַ, ביז דאָס ווײַבעל מיט די שוועסטער פערשליסען זיך אין אַנדערען חדר. און ער בלײַבט ליגען, — שכור איז ער — ביז ער ווערט אײַנגעשלאָפען...

— — — — — — — —

לויפען דורך וואָכען, עס גרײַכט שוין חדשים, האַלבע יאָהרען, זיצט דאָס ווײַבעל און בעווײנט איהרע יונגע יאָהרען, זי איז שוין אויס מענש, נאָר הויט און בײן איז פון איהר געבליבען א קלײנינקײַט. אז א מענש לעבט שטענדיג מיט מורא! ווײנט זי גאַנצע טעג בעווײנט איהר מזל, זי וואָלט שוין אָבגעטרעטען, אָבער וואו וועט זי געהן, וואו וועט זי לויפען? זי האָט נישט קײן קרוב, קײן גואל, וועהר וועט איהר צו זיך אין שטוב אַרײַננעהמען?

און דערווײַל האַלט שוין גאָר שלעכט, נחמנ'קע האָט איהר שוין אָנגעהויבען טרײַבען, ער וויל איהר בײַ זיך אין שטוב נישט האָבען, גיט ער איהר צײַט אַכט טעג, אויב זי וועט איהם נישט פערלאָזען מיט איהר גוטען ווילען, וועט ער איהר אַרויסוואַרפען אין מיטען דער נאַכט, און א שנײ איז, א פראָסט ברענט מעג זי אפילו געפרוירען ווערען, וואָס אַהרט איהם? און דאָ האָבען איהרע צרות דערגרײַכט צו דער העכסטער

ז. סעגאַלאָוויטש.

אסנה.

פון א פּאָעמע.

VI

אין פרודנאָ האָט מען נאָך דערווײַל גאָרנישט בעמערקט, האָטש אסנה איז שוין עטליכע מאָל געווען בײַ די פּריצים, זי איז שוין א הין אפילו געפאָהרען אײַנמאָל אָהן באָריס'ען, זי איז דאַן געקומען פריהער, ווי אַלע מאָל און באָריס האָט בעמערקט, אז זי איז עפּעס זומרזגען, זי האָט עס אָבער פאַר קײנעם נישט געוואָלט ווײַזען, זי האָט זיך געסטאַרעט זײַן אויפגעלײגט, ווי אַלע מאָל.

עס איז נאָך געווען גענוג ליכטיג, וואָס צוטהון איז סײ־ווי־סײ נישט געווען. זענען זיי בײדע אוועק צום וואַלד און א לענגערע צײַט אַרומגעשפּאַצירט און גערעדט וועגען שטאָדט, וועגען ביכער.

זי, אסנה ווײסט נישט צוליעב וואָס מען שרײַבט אזוי פיעל ביכער, אזעלכע מאַרנע ביכער... טורגעניעוו'ען, טאָלסטאָי'ען האָט זי ליעב, זי פערשטעהט. זיי, זיי שרײַבען אַלץ וועגען די פּריצים, וועגען די פעלדער און וועלדער, האָט זי אָבער אויך געוואָלט לײענען דאָסטאָיעווסקי, הויבט זי עס נישט אָן צו פערשטעהן.

באָריס הויבט אָן צו פערטײדיגען דאָסטאָיעווסקי'ן. ער ברענגט אזעלכע מאָדנע, טיפע אַרגומענטען און אסנה פאַלט ווידער אַרײַן מיט איהרע געדאַנקען אין א פרעמדער וועלט.

נײן, ווײַזט אויס, אז זי איז טאַקי א ישוב'ניצע.

קײן גרויסע דאגה פון דעם האָט זי ניט. זי בעגנוגט זיך מיט דעם. וואָס זי פערשטעהט.

בײַדע ווערען זיי שטיל, אין וואַלד שטעהען אַרום א גרויסע מוראַשקעס־נעסט און באָריס נעהמט מיט זײַן „דובינע" און גרובעלט, גרובעלט אין דעם בערגעלע; טויזענדער מוראַשקעס כאַפּען זיך אויף און נעהמען לויפען הין און צוריק, הין און צוריק...

אסנה ווערט בײז אויף באָריס'ען, וואָס ער צושטערט די נעסט, זי וויל בײַ איהם, בײַ באָריס'ען אַרויסרײַסען זײַן סײַנקעוואַטען שטעקען און ער טהוט עס אומישנע ווידער.

זי כאַפּט איהם אָן פאַר'ן האַנד און מיט אַלע קרעפטען שטויסט זי איהם פון די מוראַשקעס.

— איהר זענט דאָך נאָר אַנ'אשת־חיל, זאָגט ער צו איהר.

— לאָמיר טאַקי זעהן ווער עס האָט מעהר כח! און אסנה איז גרײט זיך מיט איהם צו בערעווען אין וואַלד.

יאָ, זי מוז עס זעהן, זי מוז עס וויסען: זאָל זיך באָריס נישט רעכענען מיט דעם וואָס זי איז א פרוי, אַלע זײַנע קרעפטען מעג ער אָנווענדען, זי מוז עס וויסען.

באָריס ראַקאָווסקי האָט זיך צום ערשטען ניט געפונען, עס איז איהם נישט אָנגענעהם געווען: וויפיעל ערלויבנישען אסנה זאָל איהם נישט געבען, וועט ער דאָך זיך נישט קאָנען בעגעהען מיט איהר, ווי מיט א מאַנספּערזאָן, אָבער זי טרעט נישט אָב און אַט וואַרפט זי גאָר אזא פראַזע:

— אז איהר וועט זיך מיט מיר ניט בערעווען וועט איהר זײַן א פחדן, איהר פערשטעהט. — אַ, נײן! קײן פחדן וויל ער נישט זײַן, מיט אײן שפּרונג איז ער נעבען איהר, זי בעווײַזט קוים אַראָבצוואַרפען דעם שאַל פון איהרע אַקסלען, זי האָט זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט שוין ראַנגלענדיג זיך בײַ באָריס'ען אין די הענד, ער איז אָנגעצונדען געוואָרען פון איהר נאָהנטקײַט, אַט דריקט ער צו צו זיך איהר קערפּער, זי שטויסט איהם אָב, ער כאַפּט אַרום איהר טאַליע און האַלט זי פעסט. זײַן ברוסט שטאַרק אָנגעדריקט אָן איהרער, ער בעדאַרף בלויז אָנכאַפּען איהר צווײטע האַנד, דאַן וועט ער זי אַוועקלײגען, ווי א שעפּסעלע און זאָל זי זיך מעהר נישט בערײהמען.

און זאָל זי איהם מעהר נישט בעלײדיגען די, אסנה...

דאָך געדויערט עס צו לאַנג, די צווײטע האַנד איהרע וועהעט אין דער לופטען, זי פאַכעט מיט איהר ווי מיט א שווערד און באָריס ווערט אַלץ מיעדער און אויפגערעגטער פון איהר נאָהנטקײַט, זי אַטהעמט אויך שווער און לאַכט אזוי ווילד, אזוי זינגעריש־בײז, אַט האָט ער אַרומגעכאַפּט איהר האַלדז און צוגעדריקט מיט זײַן האַנד, האָט זי זיך דאַן נידעריגער אַראָבגעבויגען, געמאַכט א געהעהרליכען שפּרונג צוריק און אַרויסבעקומען צוריק איהר האַלדז, אַנדערש, וואָלט זי געלעגען...

נאָר איהר האַנד מיט'ן קערפּער זענען, געשמידערט אין באָריס'ס אָרעמס, זי קוקט איהם אַרײַן די אויגען, זי זעהט זײַן בלײַכקײַט און מיט א מאָל בעפעהלט זי:

— לאָזט אָב באָריס! איהר וועט מיך נישט בײַקומען.

— ער ברומט עפּיס שכור'ע ווערטער.

— טײַערע, ווילדע, טײַערע אסנה!

— לאָזט אָב! דערלאַנגט זי ווידער א געשרײ אזש דער וואַלד גיט א ציטער.

זײַנע אָרעמס עפענען זיך און זי מיט צושויבערטע האָהר מיט צוקנײטשטע קלײדער שטעהט אַנטקעגען איהם און לאַכט:

— מעהר האָב איך נישט בעדאַרפט...

ער ענטפערט נישט קײן וואָרט. רוקט זיך אָב פון איהר און פאַלט א מידער אויף די טרוקענע סכך־נאָדלען.

זי וויל שוין אוועקגעהן א הײם, קעהרט זי זיך נאָך אום און פרעגט בײַ איהם:

— ווי קלערט איהר באָריס, ניקאָלאַי סאַטין איז שטאַרקער פאַר אײַך? איך רעכען, אז נײן.

באָריס קוקט אויף איהר מיט בײזע מידע אויגען און ענטפערט נישט.

דאָך שפּעטער, ווען זי לאָזט איהם אַלײן אין וואַלד שפּרונגט ער אויף פון זײַן אָרט, ווי א שלאַנג וואָלט איהם אײַנגעביסען. איצט ערשט האָט ער פערשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען: זי האָט אויף איהם געמאַכט „פּראָבע" זי האָט זיך מורא פאַר דעם אָפיצער... זי קומט דאָך צו איהם אַלײן אין פּאַרק און טאָמער בעפאַלט ער זי א מאָל... יאָ, זי האָט געוואָלט אָבשאַצען איהרע קרעפטען און דערצו האָט זי איהם, באָריס'ען אויסגענוצט...

אין דעם דאָזיגען אָוועגד איז ער געקומען שפּעט א הײם, אזוי שפּעט, אז אסנה, וועלכע פלעגט איהם יעדעס מאָל אָבוואַרטען האָט דאָס מאָל נישט אויסגעהאַלטען און איז אויך אוועק שלאָפען.

ער איז געזעסען בײַ זײַן פענסטער און אַרויסגעקוקט צום וואַלד מיט שטומע אויגען.

אזוי איז עס געשעהן: ער האָט אין זײַן לעבען געזוכט א קוואַל, דעם קוואַל האָט ער געפונען ער זעהט, ווי די קלאָרע שטראַהלען שפּריצען פון די ערד אַרויס, עס באָדען זיך אין די שטראָהמען פיעל הײסע לעבעדיגע זונשטראַהלען און די בלאָהקײַט פון הימעל שפּיגעלט זיך אין דעם קלײנעם שטראָהם, נאָר ער דער אויפגעוואַכטער צום לעבען, מוז ווידער דורשטיג און אײַנזאַם אין לעבען בלײַבען.

איבּער'ן וואַלד האָט זיך א בלײכע קרוין געלײגט, וואָס ווײַטער די נאַכט איז אוועק, אַלץ העלער איז די קרוין געוואָרען, דערנאָך האָט זי א בלוי געטהון מיט רײנעם צופלאַמענעם גאָלד... די גאַנצע וועלט איז געוואַלבט געוואָרען... ערגעץ האָט א פויגעל געטרעלט און גערופען „גוט מאָרגען" צו אַלעמען: צו יעדער גרעזעלע און בלום צו אַלע שפּינען, בינען און פליגען און צו אַלע מענשען, וואָס בעדאַרפען באַלד אַרויסגעהן אַרבײטען און לעבען...

ערשט דאַן איז באָריס אײַנגעשלאָפען.

און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך דאַן, ווען די זון האָט שוין דרײַ פערטעל הימעל דורכגעשפּאַצירט, ער האָט זיך געוואונדערט וואָס אַרום איז אזוי שטיל באַלד האָט ער זיך דערוואוסט, אז אסנה מיט די שוועסטער, מיט דעם „פּאַראָבּעק" און מיט נאָך א דינסט זענען אוועק צום טײַכעל וועש וואַשען.

ער איז אויך אוועק א הין, דער וועג האָט זיך געצויגען דורך שיטערן וואַלד און דורך שטיקלעך פערזײטע פעלדער, זאַנגען האָבען זיך געווינט און געשפּיעלט מיט די בלאַנקע קלאָרע בלומען, אויף די נידעריגע סאָסנעס האָט זיך דער פּעך געפערעגעלט פון דער זון'ס היץ.

באָריס ראַקאָווסקי איז אויפגעמונטערט געוואָרען פון דער אַרומיגער שטילקײט, און שענקײט און ווען ער איז צוגעקומען צו אסנה'ן, וועלכע איז א באָרוועסע געשטאַנען נעבען טײַך האָט זיך יענע מיט איהם אזוי דערפרעהט.

זי האָט געלאַכט און גאָרנישט דערמאָהנט דעם נעכטיגען צופאַל אין וואַלד, אזא נאַטור האָט זי שוין געהאַט: אָבגעטהון און געשווינגען.

די אַרבײט בײַם טײַך איז שוין געענדיגט געווען, מען האָט אָנגעלאָדעוועט אויף א קלײן האַנד־וועגעל דעם נאַסען גרעט און באָריס'ען האָט מען אײַנגעשפּאַנט אין וועגעלע:

— פּיהר!

ער האָט געלאַכט מיט דער חברת דאָרפס־קינדער און נישט געפיהלט דעם נעכטיגען וועהטאָג.

שפּעט אין אָוועגד איז ער געזעסען מיט אסנה'ן, ווי אין א סך אזעלכע אָוועגדען און גערעדט. וועגען וואָס האָבען זיי דאַן גערעדט? יאָ. וועגען אַסטראָנאָמיע, ווײַל דאַן זענען א סך שטערען געפאַלען פון הימעל און זיך צושאָטען.

האָט אסנה געפרעגט בײַ באָריס'ען פון וואַנען קומט עס?

האָט באָריס איהר אָנגעהויבען צו ערקלערען, אז דאָס זענען מעטעאָרען און ער האָט פאַר איהר פאַרנאַנדערגעוויקעלט א גאַנצען בילד פון דער שטערען־וועלט, פון געשטאָרבענע וועלטען...

ביז זי האָט זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט און איהם געענטפערט, אז זי הויבט נישט אָן צו גלויבען אין די אַלע זאַכען... באַשר די געלעהרטע זאָגען...

זײ האָבען זיך געשפּאַרט און דערווײַל זענען די שטערען געפאַלען, געפאַלען און געגרײצט מיט זײער מאָמענטאַלער שנעלקײט.